תלמוד תורה "יטב לב" דרבינו יואל

**מסאטמאר**

נתייסדה ע"י כ"ק מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע

בהמשכת כ"ק מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן רבינו שליט"א

בעיה"ק ירושלים תובב"א

בעזהשי"ת

# דִי צֶען מַכּוֹת

## כתה ב'

**המלמד:** הר"ר משה מנחם הערשקאוויטש הי"ו

© כל הזכויות שמורות

# מַכַּת דָּם

דְרַיי וָואכְן אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מִיט זַיין בְּרוּדֶער אַהֲרֹן גֶעגַאנְגֶען יֶעדְן טָאג צוּ פַּרְעֹה אִין פַּאלַאץ, דָאס פַּאלַאץ אִיז גֶעוֶוען פִּיל מִיט זֶעלְנֶער, אִין פָּאלִיצְיַאנְטְן, וָואס פַּרְעֹה הָאט זֵיי אָנְגֶעזָאגְט אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרַיין לָאזְן מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן.

אָבֶּער מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן הָאבְּן זִיךְ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין פַּאלַאץ אוּן הָאבְּן גֶעזָאגְט פַּאר פַּרְעֹה אָן קַיין מוֹרָא אַז עֶר זָאל אַרוֹיס לָאזְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם.

זֵיי הָאבְּן אִים גֶעוָוארְנְט, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט אַוֶועק



שִׁיקְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם וֶועט אַלֶע וַואסֶערְן פוּן מִצְרַיִם וֶוערְן בְּלוּט.

דֶער גְרוֹיסֶער רָשָׁע פַּרְעֹה דֶערשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט פוּן דָאס וָואס משֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט אִים, עֶר עֶנְטְפֶערְט פַאר משֶׁה רַבֵּנוּ, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט מַאכְן דֶעם טַייךְ בְּלוּט, וַוייל אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דֶעם טַייךְ, און אִיךְ בִּין דֶער בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף דֶעם טַייךְ.

משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שְׁטִילֶע קוֹל, אָבֶער גַאנְץ מִצְרַיִם הָאט גֶעהֶערְט ווִי עֶר וָוארְנְט אָן פַּרְעֹה, אַז אַלֶע וַואסֶערְן וֶועט וֶוערְן בְּלוּט אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט אַרוֹיס לָאזְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם.

לָאמִיר אַ מִינוּט טְרַאכְטְן וָואס דִי מִצְרִיִים הָאבְּן גֶעטוּהְן וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט ווִי משֶׁה רַבֵּינוּ רֶעדְט מִיט פַּרְעֹה, ווִי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין אַז דֶער נִילוּס זָאל וֶוערְן בְּלוּט, הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעטְרַאכְט, דִי מִצְרִיִים הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז דֶער טַייךְ נִילוּס אִיז זֵייעֶר גֶעטְשְׁקֶע, אִין וֶוער קֶען טְשֶׁעפֶּען זֵייעֶר גֶעטְשְׁקֶע.

זֵיי לֶעבְּן זִיךְ זֵייעֶר רוּאִיג, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מוֹרָא אַז דָאס וָואס משֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט וֶועט טַאקֶע גֶעשֶׁעהְן, בִּיז וֶוען דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעהֵייסְן פַאר משֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל אַרוֹיס גֵיין פַארְטָאג'ס לֶעבְּן דֶעם טַייךְ נִילוּס, וַוייל יֶעדְן פַארְטָאג'ס וֶוען קֵיינֶער דְרֵייט זִיךְ נָאכְנִישְׁט אִין דִי גַאסְן גֵייט פַּרְעֹה לֶעבְּן דֶעם טַייךְ נִילוּס.

דָארְט זָאל עֶר אִים זָאגְן, אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן דִי וֶועלְט הָאט מִיר שׁוֹין אַסַאךְ מָאל גֶעשִׁיקְט צוּ דִיר, אִין דִי ווִילְסְט אִים נָאךְ אַלְץ נִישְׁט פָאלְגְן, דִי ווִילְסְט נִישְׁט אַוֶועק שִׁיקְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, דִי זָאגְסְט אַז דִי וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז.

הָאט מִיר דֶער בַּאשֶׁעפֶער דִיר יֶעצְט גֶעהֵייסְן זָאגְן, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ ווִיסְן אַז עֶר אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן דִי וֶועלְט, אִין נִישְׁט אַזוֹי ווִי דִי רֶעדְט'סְ אֵיין אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן מִצְרַיִם אַז דִי הָאסְט בַּאשַׁאפְן דֶעם טַייךְ נִילוּס, אִיךְ וֶועל נֶעמֶען מַיין שְׁטֶעקְן אוּן אִיךְ וֶועל גֶעבְן אַ קְלַאפּ אוֹיפְ'ן טַייךְ אוּן אַלֶע וַואסֶערְן פוּן גַאנְץ מִצְרַיִם וֶועט וֶוערְן בְּלוּט, אַלֶע פִישׁ פוּן טַייךְ וֶועלְן שְׁטַארְבְן, אִין דִי וַואסֶערְן וֶועלְן פַארְשְׁטִינְקֶען וֶוערְן אַז מֶען וֶועט דָאס נִישְׁט קֶענֶען טְרִינְקֶען.



פַּרְעֹה הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז, אִין עֶר וִויל אִים נִישְׁט פָאלְגְן.

וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי תֵּרוּץ וָואס פַּרְעֹה הָאט זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט פַאר זַיין בְּרוּדֶער אַהֲרֹן אַז עֶר זָאל גֶעבְּן אַ קְלַאפּ מִיט זַיין שְׁטֶעקְן אוֹיף דִי וַואסֶער, אַהֲרֹן הָאט אַזוֹי גֶעטוּהְן אִין אַלֶע וַואסֶערְן אִין גַאנְץ מִצְרַיִם אִיז גֶעוָוארְן בְּלוּט, נִישְׁט נָאר דִי וַואסֶער וָואס אַהֲרֹן הָאט אוֹיף דֶעם גֶעקְלַאפְּט אִיז גֶעוָוארְן בְּלוּט, נָאר אַלֶע וַואסֶערְן פוּן גַאנְץ מִצְרַיִם אִיז גֶעוָוארְן בְּלוּט.

פַּרְעֹה דֶערשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט פוּן דֶעם אַז אַלֶע וַואסֶערְן פוּן גַאנְץ מִצְרַיִם אִיז גֶעוָוארְן בְּלוּט, עֶר זָאגְט אַז דִי כִּישׁוּף מַאכֶער קֶענֶען אוֹיךְ מַאכְן אַז וַואסֶער זָאל וֶוערְן בְּלוּט.

עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט רוּפְן דִי כִּישׁוּף מַאכֶער אָבֶער סְ'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין וַואסֶער מִיט וָואס זֵיי זָאלְן קֶענֶען מַאכְן זֵייעֶרֶע כִּישׁוּף, הָאבְּן זֵיי פְּרָאבִּירְט צוּ גְרָאבְּן טִיף אִין דֶער עֶרְד אֶפְשָׁר דָארְט וֶועט זַיין אַבִּיסְל וַואסֶער אָבֶער וִויפִּיל זֵיי הָאבְּן גֶעגְרָאבְּן הָאבְּן זֵיי נָאר גֶעטְרָאפְן בְּלוּטִיגֶע וַואסֶער.

דִי כִּשׁוּף מַאכֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין גוֹשֶׁן אִין גֶעקוֹיפְט פוּן דִי אִידְן וַואסֶער כְּדֵי צוּ וַוייזְן אַז זֵיי קֶענֶען אוֹיךְ מַאכְן פוּן בְּלוּט וַואסֶער, אָבֶער פַאר דִי מִצְרִיִים הָאט דָאס גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, בְּלוּט הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט גֶענוּג אֲפִלוּ מֶער וִוי גֶענוּג, דִי כִּישׁוּף

מאַכער האָבן אָבער נישט געקענט מאַכן אַז די בלוט זאָל ווערן וואַסער.

פּרעה גייט צוריק אין זיין פּאַלאַץ אין ער זעהט ווי אַלע זיינע טייערע זאַכן איז פיל מיט בלוט, פון די ווענט רינט בלוט, זיין טייערע שטול איז פיל מיט בלוט.

און ביי די מצריים אין שטוב איז אויך נישט געווען אַזוי גלאַטיג, מוחמד זיצט אין ער עסט אַ פיינע פרישטיג, אין ווען ער הייבט אָן צו טרינקען די קאַווע שפירט ער אַ טעם פון בלוט, ער טראַכט אפשר רינט אים בלוט פון זיינע ציינער לויפט ער זיך אָפּוואַשן זיין מויל, אָבער די וואַסער איז בלוטיג, ער האָט נישט קיין שום וואַסער אין זיין שטוב, און ער האָט זייער אַ שלעכטע טעם אין זיין מויל ער לויפט צו זיין שכן אפשר האָט ער אַביסל וואַסער ער זאָל זיך קענען אויס וואַשן זיין מויל, ווערט ער געוואויר אַז ביי זיין שכן איז אויך אַלעס בלוט.

ער ווייסט נאָך נישט וואָס צוטוהן וויאַזוי ער וועט אויס שווענקען זיין מויל פון די בלוט, פלוצלונג הערט ער ווי זיין ווייב מאַכט קולות, אַז אַלע וועש וואָס זי האַלט יעצט אינמיטן וואַשן איז געוואָרן רויט שמוציג.

אירע קולות ווערט שטאַרקער ווען זי גיבט אַ קוק אין קאָך אויף די פיינע זופּ וואָס זי האָט אַרויף געשטעלט קאָכן פאַר אירע קינדער אויף מיטאָג איז אינגאַנצן רויט אין ס'שמעקט פון די גוטע זופּ אַ שלעכטע ריח.

אוֹי ווִי בִּיטֶער, זַיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן ווִי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָוארְנְט פַּרְעֹה, אָבֶּער זַיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַז אַזוֹי שְׁטַארְק וֶועט זַיין דִי מַכָּה.

סְ'אִיז אָבֶּער נִישְׁטָא קַיין סַאךְ צַייט צוּ טְרַאכְטְן וַוייל דִי קִינְדֶערְלֶעךְ וֵויינֶען אַז זַיי זֶענֶען דָארְשְׁטֶערִיג, הָאבְּן דִי מִצְרִיים גֶעטְרַאכְט אַז זַיי וֶועלְן אוֹיס קְוֶועטְשְׁן פֵּרוֹת אִין טְרִינְקֶען דִי זַאפְט פוּן דִי פֵּרוֹת אָבֶּער דִי זַאפְט אִיז אוֹיךְ בְּלוּט.

זֶענֶען זַיי שְׁנֶעל גֶעלָאפְן צוּ זַייעֶרע גֶעטְשְׁקֶעסְ אִין הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן אִין בֶּעטְן בַּיי דִי גֶעטְשְׁקֶעסְ, אָבֶּער זַיי הָאבְּן גֶעמֶערְקְט אַז דִי גֶעטְשְׁקֶעסְ זֶענֶען אוֹיךְ פִּיל מִיט בְּלוּט.

זֶענֶען זַיי שְׁנֶעל גֶעלָאפְן צוּ זַייעֶר גְרוֹיסֶע גֶעטְשְׁקֶע דִי טַייךְ נִילוּס, זַיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט זִיכֶער וֶועט זַייעֶר גְרוֹיסֶע גֶעטְשְׁקֶע זַיי קֶענֶען רַאטֶעוֶועןּ פוּן דִי שְׁוֶוערֶע מַכָּה.

וֶוען זַיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען נֶענְטֶער צוּם נִילוּס שְׁפִּירְן זַיי זַייעֶר שְׁטַארְק דִי שְׁלֶעכְטֶע רֵיחַ פוּן בְּלוּט, זַיי קוּמֶען אָן צוּם טַייךְ קֶענֶען זַיי נִישְׁט גְלֵייבְּן וָואס זַיי זֶעהְן דִי גַאנְצֶע טַייךְ נִילוּס אִיז פִּיל מִיט בְּלוּט, טוֹיטֶע פִּישְׁן פַאלְן אַרוֹיס פוּנֶעם טַייךְ.

זַיי קוּקְן אוֹיף דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן זַיי זֶעהְן אַז דִי אִידְן טְרִינְקֶען וַואסֶער, וַוייל דִי וַואסֶער וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעטְרִינְקֶען אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן בְּלוּט, זֶענֶען זַיי גֶעקוּמֶען בֶּעטְן פוּן דִי אִידְן אַז זַיי זָאלְן זַיי גֶעבְּן אַבִּיסְל וַואסֶער זַיי

זָאלְן הָאבְּן וָואס צוּ טְרִינְקְען, ווייל טָאמֶער נִישְׁט וֶועלְן זֵיי אַלֶע שְׁטַארְבְּן.

וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעבְּן טְרִינְקֶען אִיז דָאס גֶעוָוארְן בְּלוּט, אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד הָאט גֶעטְרִינְקֶען מִיט אַ מִצְרִי פוּן אֵיין גְלָאז הָאט דֶער אִיד גֶעטְרִינְקֶען וַואסֶער אִין דֶער מִצְרִי הָאט גֶעטְרִינְקֶען בְּלוּט.

אָבֶער וֶוען אַ מִצְרִי הָאט בַּאצָאלְט פַאר אַ אִיד עֶר זָאל אִים פַארְקוֹיפְן וַואסֶער אִיז דִי וַואסֶער נִישְׁט גֶעוָוארְן בְּלוּט, הָאבְּן זֵיי גֶעמוּזְט קוֹיפְן בַּיי דִי אִידְן וַואסֶער, אִין דִי אִידְן הָאבְּן דֶעמָאלְטְס פַארְדִינְט אַסַאךְ גֶעלְט.

וֶוען דִי מִצְרִיִים הָאבְּן שׁוֹין אַבִּיסְל גֶעטְרִינְקֶען זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס אִין פֶעלְד ווִי זֵייעֶרֶע בְּהֵמוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן אַז אֲפִילוּ דִי שְׁמוּצִיגֶע וַואסֶער וָואס מֶען גִיבְּט צוּ טְרִינְקֶען פַאר דִי בְּהֵמוֹת זֶענֶען אוֹיךְ בְּלוּט אִין דִי בְּהֵמוֹת הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ טְרִינְקֶען.

דִי בְּהֵמוֹת וֶוערְן שְׁוַואךְ אוּן זֵיי קֶענֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרְבֶּעטְן מוּז מֶען זֵיי אוֹיךְ גֶעבְּן אַבִּיסְל פוּן דִי טַייעֶרֶע וַואסֶער וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעקוֹיפְט בַּיי דִי אִידְן.

זֵיי קוּמֶען שׁוֹין אַהֵיים נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע טָאג וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט זֵיי ווִילְן שׁוֹין אַבִּיסְל גֵיין שְׁלָאפְן, אָבֶער זֵייעֶרֶע בֶּעטְן אִיז פִיל מִיט בְּלוּט, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן.

דִי בִּיטֶערֶע מַכָּה, מַכַּת דָם אִיז גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם זִיבְּן טֶעג, אָבֶער נָאךְ דִי זִיבְּן טֶעג הָאבְּן נָאךְ דִי מִצְרִיִים נִישְׁט

גֶעקֶענְט טְרִינְקֶען זֵייעֶרֶע וַואסֶער וַוייל סְ'הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע רֵיחַ.

דִי גַאנְצֶע צַייט הָאבְּן דִי מִצְרִיִים גֶעמוּזְט קוֹיפְן בַּיי דִי אִידְן וַואסֶער סְ'אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דִי שְׁלֶעכְטֶע רֵיחַ פוּן דִי גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע פִישׁ, אִין זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרְדִיג וַוייל דִי אִידְן הָאבְּן גֶענוּמֶען בַּיי זֵיי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט פַאר דִי וַואסֶער וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעקוֹיפְט דִי גַאנְצֶע וָואךְ פוּן דִי מַכָּה.

## מַכַּת צְפַרְדֵעַ

סְ'אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען דִי שְׁוֶוערֶע מַכָּה, סְ'הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דִי בְּלוּט, דִי מִצְרִיִים הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין גֶעפְרֵייט אַז סְ'אִיז שׁוֹין דָא וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען, צוּ קָאכְן, צוּ בַּאקְן, אוּן צוּ וַואשְׁן, דִי גֶעשְׁמַאקֶע פִישׁ אִיז נָאךְ טַאקֶע נִישְׁט גֶעוֶוען וַוייל אַלֶע פִישׁ זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן, אָבֶער חוּץ פוּן דֶעם הָאט זֵיי שׁוֹין וַואסֶער נִישְׁט גֶעפֶעלְט.

אַרְבֶּעט הָאבְּן זֵיי נָאךְ גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ, זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט רֵיינִיגְן אַלֶע וֶוענְט, שַׁאפֶעס, בֶּעטְן, אִין אוֹיסְוַואשְׁן אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע קְלֵיידֶער.

מֹשֶׁה רַבֵּינוּ קוּמְט גְלַייךְ צוּגֵיין צוּם פַּאלַאץ פוּן פַּרְעֹה, אוּן עֶר גֵייט אַרַיין אָן רְשׁוּת, אוּן עֶר זָאגְט פַאר פַּרְעֹה דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט דִי זָאלְסְט אַוֶועק שִׁיקְן דִי אִידְן



פוּן מִצְרַיִם, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט וֶועט גַאנְץ מִצְרַיִם וֶוערְן פִּיל מִיט דְזַ'אבֶּעס.

דִי מִצְרִיִים הָאבְּן קוֹים אָנְגֶעהוֹיבְּן רֵיין צוּ מַאכְן זֵייעֶרֶע שְׁטוּבֶּעֶר פוּן מַכַּת דָם, אִין דָא הֶערְן זֵיי שׁוֹין נָאכְאַמָאל וְואוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט אַז עֶס גֵייט קוּמֶען נָאךְ אַ מַכָּה, דִי מִצְרִיִים זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מִיט דִי אִידְן אוּן זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער גֶעהֵייסְן אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דְרַיי וָואכְן יֶעדְן טָאג גֶעוָוארְנְט פַּרְעֹה אַז סְ'גֵייט קוּמֶען נָאךְ אַ מַכָּה צְפַרְדֵעַ, דִי לֶעצְטֶע מָאל אִיז מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ פַּרְעֹה אִינְמִיטְן טָאג אוּן אִים גֶעוָוארְנְט נָאךְ אַמָאל, אָבֶּער פַּרְעֹה הָאט זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן.

אַהֲרֹן הָאט גֶעגֶעבְּן אַ קְלַאפּ אוֹיף אַלֶע וַואסֶערְן אִין מִצְרַיִם מִיט זַיין שְׁטֶעקְן, אִין סְ'אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען אַ רִיזִיגֶע דְזַ'אבֶּע פוּן טַייךְ, אִין גַאנְץ מִצְרַיִם אִיז גֶעוָוארְן פִּיל מִיט דְזַ'אבֶּעס, דִי עֶרְשְׁטֶע זֶענֶען דִי דְזַ'אבֶּעס גֶעגַאנְגֶען צוּ פַּרְעֹה אִין פַּאלַאץ, אִין פוּן דָארְט הָאבְּן זֵיי זִיךְ צוּשְׁפְּרֵייט אוֹיף גַאנְץ מִצְרַיִם.

פַּרְעֹה זִיצְט אִין זַיין פַּאלַאץ אוֹיף זַיין קֶענִיגְלִיכְן שְׁטוּל, אִין אַרוּם אִים זִיצְן זַיינֶע אַלֶע גֶענֶערַאלְן, פְּלוּצְלוּנְג הֵייבְּט אָן צוּ טַאנְצְן אוֹיף זַיין קָאפּ דְזַ'אבֶּעס, אִין דִי דְזַ'אבֶּעס מַאכְן הוֹיכֶע קוֹלוֹת, אִין פוּן פַּרְעֹה'ס קָאפּ טַאנְצְן זֵיי אַרוֹיף אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן דִי גֶענֶערַאלְן.

פַּרְעֹה רוּפְט זַיינֶע כִּישׁוּף מַאכֶער אֶפְשָׁר וֶועלְן זֵיי אִים קֶענֶען עֶפֶּעס הֶעלְפְן, אָבֶּער זֵיי קֶענֶען נִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען דִי דְזַ'אבֶּעס פוּן מִצְרַיִם.

וֶוען דִי מִצְרִיִים הָאבְּן גֶעזֶעהְן דִי רִיזִיגֶע דְזַ'אבֶּע זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען מִיט גְרוֹיסֶע שְׁטֶעקֶענֶעס אִין זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אִים צוּ שְׁלָאגְן, זֵיי הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז זֵיי וֶועלְן קֶענֶען הַרְגֶ'ענֶען דִי גְרוֹיסֶע דְזַ'אבֶּע, אָבֶּער וִויפְל זֵיי הָאבְּן אִיר גֶעשְׁלָאגְן אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען נָאךְ מֶער דְזַ'אבֶּעס פוּן דִי גְרוֹיסֶע דְזַ'אבֶּע אִין נָאךְ אִין נָאךְ.

דִי דְזַ'אבֶּעס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין אַלֶע פְּלֶעצֶער, אִין דִי בֶּעטְן פוּן דִי מִצְרִיִים אִין דִי עֶסְן פוּן דִי מִצְרִיִים, אִין דִי שַׁאפֶּעס אִין דִי טֶעפּ וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעקָאכְט עֶסְן, אִיבֶּערָאל

וִוי אַ מִצְרִי הָאט זִיךְ נָאר גֶעוָואלְט רִירְן זֶענֶען דִי דְזַ'אבֶּעס דָארְט גֶעוֶוען.

דִי דְזַ'אבֶּעס הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן אִין גֶעקְוִויטְשֶׁעט זֵייעֶר הוֹיךְ, דִי מִצְרִיִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלָאפְן אָדֶער זִיךְ אָפְּרוּהֶען וַוייל סְ'אִיז גֶעוֶוען אַזֶעלֶעכֶע הוֹיכֶע קוֹלוֹת, דִי דְזַ'אבֶּעס זֶענֶען אַרַיינְגֶעקְרָאכְן אִין זֵייעֶר בּוֹיךְ, אִין זֵיי הָאבְּן גֶעבִּיסְן פַּאר דִי מִצְרִיִים אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיס הַאלְטְן פוּן דִי דְזַ'אבֶּעס.

דִי מִצְרִיִים זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן זֵיי הָאבְּן גֶעוֵויינְט, אוּן סְ'אִיז גֶעוֶוען אַזֶעלֶעכֶע קוֹלוֹת פוּן דִי דְזַ'אבֶּעס אַז דִי אִידְן הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעהֶערְט וָואס דִי מִצְרִיִים הֵייסְן זֵיי אַרְבֶּעטְן, דִי מִצְרִיִים הָאבְּן פְּרָאבִּירְט צוּ שְׁרַייעֶן נָאךְ הֶעכֶער, אָבֶּער וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעעֶפְּנְט זֵייעֶר מוֹיל צוּ שְׁרַייעֶן





אוֹיף דִי אִידְן אִיז אַרַייְנְגֶעפְלוֹיגְן אִין זֵייעֶר מוֹיל אַ דְזַ'אבֶּע, הָאבְּן זֵיי גֶעמוּזְט אוֹיפְהֶערְן צוּשְׁרֵייעֶן.

וֶוען אַ מִצְרִי הָאט גֶעוָואלְט עֶסְן זֶענֶען אַרַיין גֶעטַאנְצְן דִי דְזַ'אבֶּעס אִין זַיין מוֹיל, עֶר וִויל טְרִינְקֶען טַאנְצְן אִים אַרַיין דְזַ'אבֶּעס אִין זַיין מוֹיל, קַיין וַוארֶעמֶע עֶסְן הָאבְּן דִי מִצְרִיִים אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהַאט וַוייל דִי דְזַ'אבֶּעס זֶענֶען אַרַיינְגֶעטַאנְצְן אִין דִי אוֹיוֶועֶנֶעס אִין פַארְלָאשְׁן דִי פַייעֶר.

פַּרְעֹה הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיס הַאלְטְן פוּן דִי דְזַ'אבֶּעס, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט רוּפְן מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן אִין עֶר הָאט זֵיי גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי זָאלְן דַאוְונֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל אַוֶועק נֶעמֶען דִי דְזַ'אבֶּעס פוּן מִצְרַיִם, אִין פַּרְעֹה הָאט זֵיי צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט אַרוֹיס לָאזְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם.

מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעדַאוְונְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אֲוֶועק נֶעמֶען דִי דְזַ'אבֶּעס פוּן מִצְרַיִם, אִין דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעהֶערְט צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ'ס גֶעבֶּעט אִין אַלֶע דְזַ'אבֶּעס זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן.

נָאךְ אַ וָואךְ פוּן שְׁרֶעקְלִיכֶע קוֹלוֹת וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם הָאט פְּלוּצְלוּנְג גֶעהֶערְשְׁט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטִילְקַייט, אָבֶּער דִי מִצְרִיִים זֶענֶען נָאכְנִישְׁט פָּטוּר גֶעוָוארְן, וַוייל פוּן דִי גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע דְזַ'אבֶּעס הָאט גֶעשְׁמֶעקְט זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע רֵיחַ, אִין דִי מִצְרִיִים הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַּאר רוֹימֶען דִי גַאסְן פוּן דִי דְזַ'אבֶּעס.

## מַכַּת כִּנִּים

מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען וָוארֶענֶען פַּרְעֹה פַּאר דִי דְרִיטֶע מַכָּה, אוּן דָאס לֶעבְּן אִין מִצְרַיִם הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ וֶוערְן אַבִּיסְל רוּאִיגֶער, מֶען הֶערְט שׁוֹין נִישְׁט וואוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָוארְנְט אָן אוֹיף אַ דְרִיטֶע מַכָּה, הָאבְּן דִי מִצְרִיִים גֶעמֵיינְט אַז סְ'אִיז גֶעעֶנְדִיגְט מִיט דִי מַכּוֹת.

אָבֶּער פְּלוּצְלוּנְג זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן צוּם פַּאלַאץ פוּן פַּרְעֹה, פַּרְעֹה אִיז דֶעמָאלְטְס גֶעוֶוען אִין חָצֵר פוּן זַיין פַּאלַאץ, אַהֲרֹן נֶעמְט זַיין שְׁטֶעקְן אִין גִיבְּט אַ קְלַאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע אִיז דִי גַאנְצֶע עֶרד פוּן מִצְרַיִם גֶעוָוארְן פִיל מִיט לַייז.

נִישְׁט נָאר אֵיין סָארְט לַייז נָאר פֶּערְצְן סָארְט לַייז הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף מִצְרַיִם, דִי כִּנִים הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קְרִיכְן אוֹיף פַּרְעֹה'ס קָאפּ אוּן אוֹיף זַיין גַאנְצֶע קֶערְפֶּער, אִין אוֹיךְ דִי מַלְכָּה'ס קָאפּ מִיט אִיר גַאנְצֶע קֶערְפֶּער אִיז פִּיל גֶעוָוארְן מִיט כִּנִים.

דִי מִצְרִיִים וָואס הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז סְ'אִיז גֶעעֶנְדִיגְט מִיט דִי מַכּוֹת זֶענֶען זִיךְ גֶעזֶעצְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אַזוֹי רוּאִיג פְּלוּצְלוּנְג שְׁפִּירְן זֵיי וִוי סְ'שְׁטֶעכְט זֵיי, אִין סְ'בַּייסְט זֵיי, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס דָא גֵייט פָּאר, זֵיי קוּקְ'ן זִיךְ אָן זֶעהְן זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען פִּיל מִיט לַייז.

דִי לַייז זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע לַייז, אִין זֵיי זֶענֶען גֶעקְרָאכְן אוֹיף דִי מִצְרִיִים אוֹיפְן קָאפּ, אִין אוֹיךְ זֵייעֶר גַאנְצֶע קֶערְפֶּער אִיז גֶעוָוארְן פִּיל מִיט לַייז, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אֲפִילוּ



בִּישְׁט גֶעקֶענְט קְרַאצְן זֵייעֶר קֶערְפֶּער וַוייל זֵייעֶרֶע הֶענְט זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶוען פִּיל מִיט לַייז.

הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן דִּי וַואנְט אִין זֵיי הָאבְּן גֶעקְרַאצְט זֵייעֶר קֶערְפֶּער אִין וַואנְט, אִין סְ'הָאט גֶערִינֶען פוּן זֵיי בְּלוּט, וָואס פוּן דֶעם הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט זֵייעֶר גְרוֹיסֶע יִסוּרִים.

בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט הָאבְּן דִּי מִצְרִיִים נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מְנוּחָה, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלָאפְן פוּן דִּי יִסוּרִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט, זֵיי הָאבְּן פְּרָאבִּירְט צוּ הַרְגֶענֶען דִּי לַייז אָבֶּער סְ'אִיז זֵיי נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען.

דֶער מִצְרִי קֶען שׁוֹין נִישְׁט שְׁטֵיין אוֹיף זַיינֶע פִּיס, וַוייל זַיינֶע פִּיס בַּייסְט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק, הֵייבְּט עֶר אוֹיף אֵיין פִּיס אִין דִּי לוּפְט, אָבֶּער עֶר קֶען נִישְׁט צוּ פִּיל צַייט שְׁטֵיין אוֹיף אֵיין פִּיס, לֵייגְט עֶר אַרָאפּ זַיין פִּיס אוּן עֶר הֵייבְּט אוֹיף זַיין צְוֵוייטֶע פִּיס.

אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעטַאנְצְן אִין גֶעשְׁפְּרִינְגֶען פוּן דִּי גְרוֹיסֶע יִסוּרִים, וֶוען זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ הָאבְּן זֵיי פְּרָאבִּירְט זִיךְ אַוֶועק צוּזֶעצְן אוֹיף אַ בֶּענְקְל, אָבֶּער דִּי בֶּענְקְל אִיז גֶעוֶוען פִּיל מִיט לַייז, הָאבְּן זֵיי גֶעטְרַאכְט אַז אֶפְשָׁר אוּן בֶּעט וֶועלְן זֵיי זִיךְ קֶענֶען אָפְּרוּהֶען אַבִּיסְל, אָבֶּער אִין בֶּעט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען פִּיל מִיט לַייז.

דִּי מִצְרִיִים זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן דִּי לַייז, הָאבְּן זֵיי גֶעוָואלְט עֶפֶּעס טְרוּנְקֶען, אָבֶּער זֵיי קֶענֶען נִישְׁט הַאלְטְן דִּי גְלָאז אִין זֵייעֶר הַאנְט וַוייל סְ'אִיז גֶעוֶוען

פִּיל מִיט כִּנִים זֵייעֶר הַאנְט, אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ מוֹרָא גֶעהַאט צוּ עֶפֶּענֶען זֵייעֶר מוֹיל אוּן טְרִינְקֶען וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז סְ'זָאל זֵיי אַרַיינְקְרִיכְן כִּנִים אִין זֵייעֶר מוֹיל.

וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אַז זֵיי הַאלְטְן דָאס מֶער נִישְׁט אוֹיס הָאבְּן זֵיי גֶעטְרַאכְט צוּ גֵיין צוּ זֵייעֶר גֶעטְשְׁקֶע דִי טַייךְ נִילוּס, אוּן אֶפְשָׁר וֶוען זֵיי וֶועלְן אַרַיינְגֵיין אִין וַואסֶער וֶועלְן זֵיי דִי לַייז נִישְׁט בַּייסְן, אָבֶער אֲפִילוּ אִין וַואסֶער הָאבְּן דִי לַייז זֵיי גֶעבִּיסְן.

חוּץ פוּן דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס דִי מִצְרִיִים הָאבְּן גֶעהַאט מִיט זִיךְ אַלֵיין, אוּן מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, זֶענֶען דִי חַיּוֹת וָואס הָאבְּן בַּאלַאנְגְט פַּאר דִי מִצְרִיִים אוֹיךְ פִּיל גֶעוָוארְן מִיט כִּנִים, דִי הוּנְט פוּן דִי מִצְרִיִים הָאבְּן מוֹרָא'דִיג



גֶעבִּילְט וַוייל דִי לַייז הָאבְּן זֵיי גֶעבִּיסְן, דִי פֶּערְדְן הָאבְּן גֶעשְׁפְּרִינְגֶען און דִי לוּפְט וַוייל דִי לַייז הָאבְּן זֵיי גֶעבִּיסְן, אִין דִי מִצְרִיִים וָואס הָאבְּן זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, אִיז אַ וַודַאי אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן זֵייעֶרֶע חַיּוֹת.

בַּיי דִי מַכָּה פוּן כִּנִים אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע רַעַשׁ אִין מִצְרַיִם אַזוֹי ווִי בַּיי דִי דְזַ'אבֶּעס, אָבֶּער בַּיי דִי מַכָּה פוּן דִי דְזַ'אבֶּעס, הָאבְּן דִי דְזַ'אבֶּעס גֶעמַאכְט דִי קוֹלוֹת, אָבֶּער בַּיי דִי יֶעצְטִיגֶע מַכָּה הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן גֶעמַאכְט דֶעם גְרוֹיסְן רַעַשׁ, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן פוּן יִסּוּרִים, און אוֹיךְ דִי חַיּוֹת הָאבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעקְוִויטְשֶׁעט וַוייל דִי לַייז הָאבְּן זֵיי גֶעבִּיסְן.

אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִיז אָנְגֶעגַאנְגֶען דִי דְרִיטֶע מַכָּה לַייז, אָבֶּער דֶער גְרוֹיסֶער רָשָׁע פַּרְעֹה הָאט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיס לָאזְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם.

## מַכַּת עָרוֹב

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דֶער רָשָׁע פַּרְעֹה וִויל נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אַרוֹיס שִׁיקְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, גֵיי זָאג אִים אוֹיב עֶר וֶועט נִישְׁט אַרוֹיס שִׁיקְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, וֶועט קוּמֶען נָאךְ אַ מַכָּה אוֹיף מִצְרַיִם, עָרוֹב, אַלֶע סָארְט חַיּוֹת.

נָאךְ אַ וָואךְ וָואס גַאנְץ מִצְרַיִם אִיז גֶעוֶוען פִּיל מִיט לַייז, דִי מִצְרִיִים הָאבְּן גֶעלִיטְן גְרוֹיסֶע יִסוּרִים, אִין עֶנְדְלִיךְ הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דִי בִּיטֶערֶע מַכָּה, סְ'הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעבִּיסְן אִין גֶעשְׁטָאכְן אִין אַלֶע זַייטְן, אָבֶער אִין מִצְרַיִם זֶענֶען דִי גַאסְן גֶעוֶוען פִּיל מִיט גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע לַייז.

אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶע וֶוענְט אִיז גֶעוֶוען אַרָאפּ גֶעקְרַאצְט דִי קַאלֶעךְ וָואס דִי לַייז הָאבְּן אַרָאפּ גֶעקְרַאצְט, אוּן אוֹיךְ וַוייל דִי מִצְרִיִים הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרַאצְט אוֹיף דִי וֶוענְט, אִין דָא הֶערְן זַיי שׁוֹין נָאכְאַמָאל וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָוארְנְט אָן פַּרְעֹה אוֹיף נָאךְ אַ מַכָּה.

דָאס מָאל אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוֹיךְ גֶעקוּמֶען דְרַיי וָואכְן יֶעדְן טָאג אוּן עֶר הָאט גֶעוָוארְנְט פַּרְעֹה, אָבֶער דֶער רָשָׁע'ס



הַאַרְץ אִיז הַאַרְט ווִי אַ שְׁטֵיין עֶר ווִיל נִישְׁט אַרוֹיס לָאזְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֵייט נָאכְאַמָאל אַרוֹיס צוּם טַייךְ אִינְדֶערְפְרִי עֶר טְרֶעפְט דָארְט פַּרְעֹה, אִין עֶר וָוארְנְט אִים דָאס לֶעצְטֶע מָאל פַאר דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֵייט בְּרֶענְגֶען דִי מַכַּת עָרוֹב, אָבֶּער פַּרְעֹה דֶערשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט.

אֵיין טָאג נָאךְ וֶוען מֹשֶׁה הָאט אִים גֶעוָוארְנְט דִי לֶעצְטֶע מָאל זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם אַלֶע חַיּוֹת, בֶּערְן, לֵייבְּן, לֶעמְפֶּערְטְ'ס, וֶועלְף, שְׁלֶענְג אוּן עַקְרַבִּים, אִין אוֹיךְ דִי כִּנִים אוּן דִי דְזַ'אבֶּעס זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאכְאַמָאל, חוּץ פוּן דִי אַלֶע קְרִיכֶעדִיגֶע זַאכְן זֶענֶען אוֹיךְ גֶעקוּמֶען אַלֶע סָארְט פַארְצוּקְנְ'דִיגֶע פוֹיגְל.

פַּרְעֹה זִיצְט אִין זַיין פַּאלַאץ מִיט זַיין שֵׁיינֶע קְרוֹין, אִינְדְרוֹיסְן פוּן פַּאלַאץ שְׁטֵייעֶן דִי זֶעלְנֶער מִיט דִי פָּאלִיצִיַאנְטְן, אִין זֵיי גֶעבְּן אַכְטוּנְג אַז קַיין אֵיינֶער זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אָן רְשׁוּת צוּם גְרוֹיסְן קֶענִיג פַּרְעֹה.

אִינְמִיטְן הֵייבְּן אָן אַרַיינְקוּמֶען פוּן דִי פֶּענְסְטֶער גְרָאבֶּע בִּינֶען אִין זֵיי הֵייבְּן אָן צוּ שְׁטֶעכְן פַּרְעֹה אוּן זַיין גַאנְצְן קֶערְפֶּער, פַּרְעֹה כַאפְּט נָאךְ נִישְׁט וָואס סְ'גֵייט פָּאר פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט אַרַיין צוּ פְלִיעֶן אַ גְרוֹיסֶע אָדְלֶער אוּן וַוארְפְט אַרָאפּ פַּרְעֹה'ס קְרוֹין פוּן זַיין קָאפּ.

פַּרְעֹה זִיצְט אוֹיף זַיין בֶּענְקְל אוּן עֶר צִיטֶערְט עֶר וֵוייסְט זֵייעֶר גוּט אַז זַיינֶע אַלֶע זֶעלְנֶער מִיט דִי פָּאלִיצִיַאנְטְן קֶענֶען אִים נִישְׁט רַאטֶעוֶוען פוּן דִי פַארְצוּקְנְדִיגֶע חַיּוֹת, אוּן אַז עֶר הָאט נִישְׁט וְואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן.

דִי חַיּוֹת דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אִין דֶעם גַאנְצְן לַאנְד, אַ מֶענְטְשׁ פוּן מִצְרַיִם גֵייט שְׁפַּאצִירְן אִין גַאס אִינְמִיטְן זֶעהְט עֶר פוּן דֶערְוַוייטְנְ'ס עֶפֶּעס אַ חַיָּה זָאגְט עֶר פַּאר זַיינֶע קִינְדֶער גִיבְּט אַ קוּק דָארְטְן זֶעהְט מֶען אַפָּאר חַיּוֹת, דִי חַיּוֹת קוּמֶען אַבִּיסְל נֶענְטֶער זֶעהְן זֵיי אַז דָאס אִיז זֵייעֶר מְסוּכָּנ'דִיגֶע חַיּוֹת.

דִי מִצְרִיִים דֶערְשְׁרֶעקְן זִיךְ אִין זֵיי הֵייבְּן אָן צוּ אַנְטְלוֹיפְן אִין שְׁרַייעֶן קוֹלוֹת אַ לֵייבּ, אַ וָואלְף, אַ לֶעמְפֶּערְט, רַאטֶעוֶועט, הַצִילוּ, זֵיי לוֹיפְן דִי שְׁנֶעלְסְטֶע וָואס זֵיי קֶענֶען אָבֶּער דִי חַיּוֹת לוֹיפְן שְׁנֶעלֶער פוּן זֵיי אִין דִי פַּארְצוּקְנְדִיגֶע חַיּוֹת כַאפְּן דִי מִצְרִיִים אִין זֵיי הַרְגֶענֶען זֵיי.

דִי מִצְרִיִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אִין זֵיי זֶענֶען אַנְטְלָאפְן זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּן דִי ווִילְדֶע פַּארְצוּקְנְדִיגֶע חַיּוֹת, זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גוּט פַּארְשְׁפַּארְט זֵייעֶרֶע שְׁטוּבֶּער, אָבֶּער דִי חַיּוֹת הָאבְּן אוֹיפְגֶעבְּרָאכְן זֵייעֶרֶע שְׁטוּבֶּער אִין גֶעהַארְגֶעט דִי שְׁלֶעכְטֶע מִצְרִיִים.

וֶוען דִי מִצְרִיִים הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז בַּיי דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער אִיז נִישְׁטָא קַיין חַיּוֹת וָואס קוּמֶען דָארְט אַרַיין, הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן פוּן דִי אִידְן אַז דִי אִידְן זָאלְן דָארְטְן בַּאהַאלְטְן מִצְרִיִים, אָבֶּער סְ'הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן וַוייל אֲפִילוּ וֶוען אַ מִצְרִי הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן בַּיי אַ אִיד זֶענֶען דִי חַיּוֹת אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם אִיד'ס שְׁטוּבּ אִין אַרוֹיס גֶענוּמֶען דֶעם מִצְרִי אִין אִים גֶעהַארְגֶעט.

דִי מִצְרִיִים זֶענֶען גֶעזֶעצְן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט אִין זֵייעֶר שְׁטוּבּ אִינְמִיטְן הֶערְן זֵיי קוֹלוֹת וִוי דִי ווִילְדֶע חַיוֹת בְּרֶעכְן אוֹיף דִי שְׁטַאל פוּן זֵייעֶרע בְּהֵמוֹת אִין זֵיי הַרְגֶענֶען בְּהֵמוֹת, שֶׁעף אִין רוּנְדֶער, אִין דִי מִצְרִיִים קֶענֶען גָארְנִישְׁט טוּהְן, דִי אַלֶע חַיוֹת הָאבְּן זִיךְ גֶעדְרֵייט אִין דִי גַאסְן פוּן מִצְרַיִם, אִין זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן אִין גֶעקְוִויטְשֶׁעט, אִין אַלֶע זַייטְן אִין מִצְרַיִם הָאבְּן זִיךְ גֶעהֶערְט מָאדְנֶע קוֹלוֹת פוּן אַלֶע סָארְט בַּאשֶׁעפֶּענִישְׁן.

סְ'אִיז גֶעוֶוען אִין אֵיינֶע פוּן דִי שְׁטוּבֶּער פוּן דִי מִצְרִיִים וִוי סְ'הָאבְּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן אַ זֵיידֶע מִיט אַ בַּאבֶּע מִיט אַלֶע אֵיינִיקְלֶעךְ, זֵיי הָאבְּן גֶעלֵייגְט טִישְׁן אִין בֶּענְקְלֶעךְ לֶעבְּן דִי טִיר אַז קַיין שׁוּם חַיָה זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַרַיינְקוּמֶען.

פְּלוּצְלוּנְג הֶערְן זֵיי וִוי דִי דַאךְ רוּקְט זִיךְ אַ הוֹיכֶע דְז'רַאפַּא רוּקְט אַוֶועק דִי שְׁטֵיינֶער פוּן פְּלַאץ, אוּן אַ מָאנְקִי טַאנְצְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ עֶר רוּקְט אַוֶועק אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעלֵייגְט בַּיי דִי טִיר, עֶר עֶפְנְט אוֹיף דִי טִיר, אוֹי וַויי הֶערְט זִיךְ קוֹלוֹת פוּן דִי מֶענְטְשְׁן אִינְעוֵוייְנִיג, אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע לֵייבּ שְׁטֵייט בַּיי דִי טִיר מִיט אַ אָפֶענֶע מוֹיל אוּן עֶר הָאט פַארְצוּקְט אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן דָארְט.

אִינְדְרוֹיסְן אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ זִיךְ אַרוּם צוּ דְרֵייעֶן אִינְעוֵוייְנִיג אִין שְׁטוּבּ בַּייסְן דִי בִּינֶען, אִין סְ'פְּלִיט אַרַיין אָדְלֶער'ס, אֲפִילוּ בַּיינַאכְט וֶוען דִי חַיוֹת זֶענֶען גֶעשְׁלָאפְן הָאבְּן דִי מִצְרִיִים נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלָאפְן פוּן גְרוֹיס שְׁרֶעק, אָבֶּער

פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן דִי חַיּוֹת גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס גֶעטָאן, דִי קִינְדֶער פוּן דִי אִידְן הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט מִיט דִי לֵייבְּן אוּן מִיט אַלֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חַיּוֹת אוּן סְ'אִיז זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁעהְן.

פַּרְעֹה הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דִי חַיּוֹת וָואס הָאבְּן זִיךְ אַרוּם גֶעדְרֵייט אִין זַיין לַאנְד, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט רוּפְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מִיט אַהֲרֹן, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, וָואס וִוילְן עֶנְק פוּן מִיר, עֶנְק וִוילְן גֵיין דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶער , פַארְוָואס דַארְפְן עֶנְק גֵיין אִין מִדְבָּר, אִיךְ וֶועל עֶנְק לָאזְן דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן דָא אִין מִצְרַיִם, דֶער עִיקָר סְ'זָאל זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי מַכּוֹת.

הָאט אִים מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּנְז קֶענֶען נִישְׁט דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער דָא אִין מִצְרַיִם וַוייל אוּנְז דַארְפְן שֶׁעכְטְן פַאר אִים קָרְבָּנוֹת, אִין דִי גֶעטְשְׁקֶע פוּן מִצְרַיִם אִיז אַ שֶׁעפַּאלֶע אִין דִי מִצְרִיִּים וֶועלְן אוּנְז נִישְׁט לָאזְן שֶׁעכְטְן קַיין שֶׁעפֶּעלֶעך, אוּנְז וִוילְן גֵיין אִין מִדְבָּר דָארְטְן שֶׁעכְטְן קָרְבָּנוֹת אַזוֹי וִוי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן.

הָאט פַּרְעֹה גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז מַסְכִּים דִי אִידְן זָאלְן גֵיין דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אִין מִדְבָּר אָבֶער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אַז דִי בִּיטֶערֶע מַכָּה זָאל זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אִין אַלֶע חַיּוֹת זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם, וֶוען פַּרְעֹה הָאט דֶערְזֶעהְן אַז אִין מִצְרַיִם אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא קַיין שׁוּם חַיָּה, הָאט עֶר וַוייטֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיס לָאזְן דִי אִידְן.

# מַכַּת דֶבֶר

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט נָאכְאַמָאל גֶעשִׁיקְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל רֶעדְן צוּ פַּרְעֹה שְׁטְרֶענְגֶע רֵייד, אִין אִים הֵייסְן אַז עֶר זָאל אַוֶועק שִׁיקְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט וֶועט עֶר בְּרֶענְגֶען דִי פִינְפְטֶע מַכָּה דֶבֶר, אַלֶע בְּהֵמוֹת פוּן גַאנְץ מִצְרַיִם וָואס וֶועלְן זַיין אִינְדְרוֹיסְן וֶועלְן פֵּייגֶערְן, נָאר דִי בְּהֵמוֹת פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט שְׁטַארְבְּן.

אַזוֹי וִוי בַּיי דִי פְרִיעֶר'דִיגֶע מָאל הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ נָאכְאַמָאל גֶעוָוארְנְט פַּרְעֹה דְרַיי וָואכְן, אָבֶּער פַּרְעֹה הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט דֶערְשְׁרֶעקְן, וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט בְּרֶענְגֶען מַכַּת דֶבֶר.

נָאךְ דִי דְרַיי וָואכְן הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעמַאכְט אַז אַלֶע בְּהֵמוֹת, פֶערְד, אֵייזְלֶען, קֶעמְלֶען, שָׁאף, צִיגֶעלֶעךְ, שְׁעפְּסֶעלֶעךְ, אַלֶעס אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אִין דִי מִצְרִיִים הָאבְּן גֶעהַאט גְרוֹיסֶע שָׁאדְנְס, אָבֶּער דִי בְּהֵמוֹת פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אֲפִילוּ דִי קְרַאנְקֶע בְּהֵמוֹת וָואס דַארְפְן שׁוֹין שְׁטַארְבְּן זֶענֶען נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן.

אַ מִצְרִי זִיצְט יֶענֶע טָאג אִינְדֶערְפְרִי אִין זַיין שְׁטוּבּ אִין עֶר הֶערְט פוּן אִינְדְרוֹיסְן אַ שְׁטַארְקֶע זֶעץ אוֹיף דֶער עֶרְד, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף פוּן זַיין פְּלַאץ עֶר גֵייט צוּ צוּם פֶענְסְטֶער זֶעהְן וָואס סְ'אִיז גֶעשֶׁעהְן דֶערְזֶעהְט עֶר וִוי זַיין פֶערְד לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אַ טוֹיטֶער, טְרַאכְט עֶר בַּיי זִיךְ וָואס אִיז גֶעשֶׁעהְן מִיט מַיין פֶערְד עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען

גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, עֶר קוּקְט זִיךְ אִים װֶעהְט עֶר אַז בִּישְׁט נָאר זַיין פֶּערְד הָאט גֶעפֵּייגֶערְט, נָאר זֵייעֶר אַסַאךְ פֶּערְדְן לִיגְן אוֹיסְגֶעצוֹיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד טוֹיטְעֶרהֵייט.

דֶעמָאלְטְס כַאפְּט עֶר זִיךְ אוֹי! מֹשֶׁה הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט אַז אַלֶע בְּהֵמוֹת װֶעלְן שְׁטַארְבְּן, דִי מִצְרִיִים זֶעהְן אַז זֵייעֶרֶע בְּהֵמוֹת שְׁטַארְבְּן אִין דִי אִידְנְ'ס נִישְׁט פַּארְקוֹיפְן זֵיי דִי בְּהֵמוֹת פַאר דִי אִידְן פַאר גָאר בִּילִיג, אַז זֵיי זָאלְן כָאטְשׁ בְּלַייבְּן מִיט אַ בִּיסְל גֶעלְט.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז גֶעוֶוען מִיט דִי מִצְרִיִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶערִיטְן אוֹיף אַ פֶּערְד, אִינְמִיטְן פָארְן אִיז דֶער פֶּערְד אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד אִין עֶר הָאט גֶעפֵּייגֶערְט, אוּן דֶער מִצְרִי אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן זִיךְ גוּט צוּקְלַאפְּט.



אָדֶער אַ צְווֵיי פֶערְד הָאבְּן גֶעשְׁלֶעפְּט אַ אָנְגֶעפִּילְטֶע וָואגְן מִיט זַאכְן אוּן אַ מִצְרִי אִיז גֶעזֶעצְן אִין דֶעם וָואגְן, דִי פֶערְד זֶענֶען פְּלוּצְלוּנְג גֶעשְׁטָארְבְּן דִי גַאנְצֶע וָואגְן הָאט זִיךְ אִיבֶּער גֶעדְרֵייט, דֶער מִצְרִי אִיז אַרוֹיס גֶעפְּלוֹיגְן פוּנֶעם וָואגְן אִין אַלֶע זַאכְן פוּנֶעם וָואגְן אִיז אַרוֹיף גֶעפַאלְן אוֹיף דֶעם מִצְרִי אִין עֶר הָאט זִיךְ גוּט צוּקְלַאפְּט.

בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע פִינֶעף מַכּוֹת הָאט פַּרְעֹה נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיס שִׁיקְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, אָבֶער יֶעצְט הָאט אִים שׁוֹין דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעמַאכְט אַז עֶר זָאל נִישְׁט וֶועלְן אַרוֹיס לָאזְן דִי אִידְן וַוייל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעוָואלְט בַּאשְׁטְרָאפְן פַאר זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

## מַכַּת שְׁחִין

נָאךְ דֶער אִיז גֶעוֶוען דְרַיי וָואכְן וָואס סְ'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מַכּוֹת, מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָוארְנְט פַּרְעֹה אַז עֶס גֵייט קוּמֶען נָאךְ אַ מַכָּה, וֶוען סְ'הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט דִי דְרַיי וָואכְן הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעשִׁיקְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מִיט אַהֲרֹן זֵיי זָאלְן גֵיין צוּ פַּרְעֹה אוּן זֵיי זָאלְן אָנְפִּילְן זֵייעֶרֶע בֵּיידֶע הֶענְט מִיט אַשׁ, אַהֲרֹן זָאל גֶעבְּן דִי אַשׁ פוּן זַיינֶע הֶענְט אִין דִי הֶענְט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אִין מֹשֶׁה זָאל אַרַיינְלֵייגְן דִי גַאנְצֶע אַשׁ אִין אֵיין הַאנְט זַיינֶע, אוּן עֶר זָאל דָאס וַוארְפְן אַרוֹיף אוֹיבְן צוּם הִימְל, אִין דִי אַשׁ וֶועט זִיךְ צוּשְׁפְּרֵייטְן אִין גַאנְץ מִצְרַיִם.

זַיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּהְן אִין פַּרְעֹה'ס פַּאלַאץ, אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן מִצְרַיִם זֶענֶען גֶעוָוארְן פִּיל מִיט קְרֶעץ, שְׁחִין, אָבֶּער נִישְׁט סְתַּם קְרֶעץ נָאר דִּי קְרֶעץ זֶענֶען גֶעוֶוען פִּיל מִיט אֵייטֶער וָואס סְ'טוּט זֵייעֶר וֵויי, דִּי מִצְרִיִּים הָאבְּן גֶעלִיטְן גֶעפֶּערְלִיכֶע יִסוּרִים, אִין דִּי קְרֶעץ הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע רֵיחַ, זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ אוֹיסְגֶעקוּקְט זֵייעֶר מִיאוּס.

פִּיר אוּן צְוָואנְצִיג סָארְטְן קְרֶעץ אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף דִּי מִצְרִיִּים אִין מִצְרַיִם, אִין זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט אוֹיף דֶעם קַיין שׁוּם רְפוּאָה, אָדֶער זַאלְבּ וָואס זָאל זֵיי קֶענֶען אוֹיסְהֵיילְן פוּן דִּי קְרֶעץ.

דֶער מִצְרִי וָואס אִיז גֶעוֶוען פִּיל מִיט קְרֶעץ הָאט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן דִּי יִסוּרִים, הָאט עֶר מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז עֶר גֵייט גֵיין צוּם דָאקְטֶער, זַיינֶע פִּיס טוּהֶען אִים זֵייעֶר וֵויי



אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה עֶר גֵייט צוּם דָאקְטֶער.

עֶר וִויל לוֹיפְן אָבֶּער עֶר קֶען נִישְׁט וַוייל זַיינֶע פִּיס זֶענֶען פִּיל מִיט קְרֶעץ, שְׁלֶעפְּט עֶר זִיךְ אַזוֹי שְׁטַאט, יֶעדֶע טְרִיט וָואס עֶר גִיבְּט שְׁרֵייט עֶר פַּאר יִסוּרִים, בִּיז עֶר קוּמְט שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אָן צוּ דֶעם דָאקְטֶער, זֶעהְט עֶר אַז דִי טִיר פוּנֶעם דָאקְטֶער אִיז צוּגֶעשְׁפַּארְט.

הֵייבְּט עֶר אָן צוּ שְׁרַייעֶן אוּן וֵויינֶען דָאקְטֶער, דָאקְטֶער, הָאב רַחֲמָנוּת מַאךְ אוֹיף דִי טִיר סְ'בְּרֶענְט מִיר, סְ'קְרַאצְט מִיר, הַצִּילוּ, גִיבּ מִיר עֶפֶּעס אַ זַאלְבּ סְ'זָאל זִיךְ אַבִּיסְל בַּארוּאִיגְן מַיינֶע יִסוּרִים, פַּארשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער דָאקְטֶער עֶפְּנְט נִישְׁט דִי טִיר וַוייל עֶר אַלֵיין אִיז פִּיל מִיט קְרֶעץ אוּן עֶר הָאט זִיךְ פְּרָאבִּירְט אַלֵיין אוֹיסְצוּהֵיילְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט.

דִי אַלֶע חַיוֹת פוּן דִי מִצְרִיִים זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶוען פִּיל מִיט קְרֶעץ אוּן זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבִּילְט אָבֶּער קֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען דִי מַכָּה זִיבְּן טֶעג, אַ גַאנְצֶע וָואךְ וָואס דִי מִצְרִיִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלָאפְן, זִיצְן, שְׁטֵיין, גָארְנִישְׁט הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּהְן, אָבֶּער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט הַארְט גֶעמַאכְט פַּרְעֹה'ס הַארְץ עֶר זָאל נִישְׁט אַרוֹיס שִׁיקְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם.

# מַכַּת בָּרָד

סְ׳הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט דִי מַכָּה פוּן שְׁחִין, סְ׳הָאט זִיךְ נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעיָאגְט אוֹיסְצוּהֵיילְן דִי וואוּנְדְן פוּן דִי קֶערְפֶּער פוּן דִי מִצְרִיִים, קוּמְט משֶׁה רַבֵּינוּ אִין עֶר וָוארְנְט אָן פַּרְעֹה, אוֹיבּ דִי וֶועסְט נִישְׁט אַרוֹיס לָאזְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן מִצְרַיִם, וֶועט אָנְהֵייבְּן צוּ גֵיין אַ הָאגְל, בָּרָד, וָואס סְ׳אִיז נָאךְ אַזאנְ׳ס נִישְׁט גֶעוֶוען זַייט דִי וֶועלְט שְׁטֵייט.

אִין מִצְרַיִם הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶערֶעגְנְט, דִי מִצְרִיִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעוְואוּסְט וָואס הֵייסְט אַ דוּנֶער אָדֶער אַ בְּלִיץ, פַּרְעֹה ווִיל אָבֶּער נִישְׁט הֶערְן פוּן אַזַא זַאךְ אַרוֹיסְצוּשִׁיקְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם.



נָאךְ דְרַיי גַאנְצֶע וָואכְן וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָוארְנְט אָן פַּרְעֹה יֶעדְן טָאג, קוּמְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צוּ פַּרְעֹה אִין עֶר זָאגְט אִים אַזוֹי, מָארְגְן פּוּנְקְט אִין דִי צַייט וֶועט אָנְהֵייבְּן צוּ הָאגְלֶען, וָואס דִי הָאגְל וֶועט הַרְגֶענֶען מֶענְטְשְׁן מִיט חַיוֹת, אִין סְ'וֶועט קַאלְיֶע מַאכְן דִי גַאנְצֶע לַאנְד אַלֶעס וָואס וֶועט זַיין אוֹיף דִי גַאס, אִין וֶוער סְ'וִויל אַז זַיינֶע בְּהֵמוֹת אָדֶער אַנְדֶערֶע סָארְט חַיוֹת וָואס עֶר הָאט בַּיי אִים זָאל בְּלַייבְּן לֶעבְּן, זָאל עֶר דָאס אַרַיינֶעמֶען צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אַרַיין.

דִי עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן פוּן מִצְרַיִם הָאבְּן אַרַיינְגֶעטְרָאגְן זַייעֶרֶע בְּהֵמוֹת אִין שְׁטוּבּ אִין סְ'אִיז טַאקֶע גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן, דִי נִישְׁט עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ אוֹיס גֶעלַאכְט אִין נִישְׁט אַרַיינְגֶעטְרָאגְן דִי חַיוֹת אִינְעוֵוייניִג, אוּן זַייעֶרֶע אַלֶע חַיוֹת זֶענֶען גֶעהַארְגֶעט גֶעוָוארְן.

מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיין שְׁטֶעקְן צוּם הִימְל אַזוֹי וִוי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהֵייסְן, אוּן דִי מִצְרִיִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס סְ'מֵיינְט אַ בְּלִיץ, זֶעהְן פְּלוּצְלוּנְג אַ מוֹרָא'דִיגֶע לִיכְטִיקֵייט אוֹיבְן אוֹיפְּן הִימְל, זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן.

אָבֶּער נִישְׁט אוֹיף קַיין סַאךְ צַייט וַוייל אַ סֶעקוּנְדֶע נָאכְדֶעם הֶערְט זִיךְ אַ שְׁטַארְקֶע דוּנֶער, אוּן דִי מִצְרִיִים הָאבְּן נָאךְ אִין זֵייעֶר לֶעבְּן נִישְׁט גֶעהֶערְט קַיין דוּנֶער, בִּפְרַט אַזַא שְׁטַארְקֶע דוּנֶער, זֵיי הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז דִי וֶועלְט וֶוערְט חָרוּב פוּן דִי דוּנֶערן אִין דִי בְּלִיצְן וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען דָארְט.

בִּיז דֶעמָאלְטְס הָאבְּן דִי מִצְרַיִם נִישְׁט גֶעוְואוּסְט וָואס הֵייסְט רֶעגְן, אִין דָא הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הָאגְלֶען נִישְׁט סְתַּם קְלֵיינֶע שְׁטִיקֶעלֶעךְ הָאגְל אַזוֹי וִוי סְ'הָאגְלְט הַיינְטִיגֶע צַייטְן, נָאר גְרוֹיסֶע שְׁטִיקֶער הָאגְל, יֶעדֶע שְׁטִיקְל הָאגְל אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס וִוי אַ אֲבַטִּיחַ.

יֶעדֶע שְׁטִיקְל הָאגְל אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמִישְׁט פַּייֶער מִיט וַואסֶער, אוּן וֶוען סִ'אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער עֶרְד הָאט זִיךְ דָאס צוּפְּלַאטְצְט מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אוּן סִ'הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אַזוֹי וִוי אַ גְרוֹיסֶע בָּאמְבֶּע הָאט גֶעפְּלַאצְט.

עֶנְק וֵוייסְן קִינְדֶער וָואס עֶס הָאט זִיךְ דֶעמָאלְטְס אָפְּגֶעטוּהְן אִין מִצְרַיִם, דִי מִצְרִיִים זֶעהְן אוּן הֶערְן דוּנֶערן אִין בְּלִיצְן אֵיינְס נָאךְ דֶעם אַנְדֶערְן, חוּץ פוּן דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶעהְן אִין גֶעהֶערְט דוּנֶערן אוּן בְּלִיצְן, וֶועגְן דֶעם אַלֵיין הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, אָבֶער אֲפִלּוּ זֵיי וָואלְטְן שׁוֹין יָא גֶעהַאט גֶעהֶערְט אַמָאל אַזֶעלֶעכֶע זַאכְן, אִיז דָאס גֶעוֶוען יֶעצְט אַסַאךְ שְׁרֶעקֶעדִיגֶער וִוי נָארְמַאל, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זִיכֶער אַז דִי וֶועלְט וֶוערְט חָרוּב.

פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיין אַז כִּמְעַט קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַואגְט אַרוֹיס צוּגֵיין אִינְדְרוֹיסְן, אִין וֶוער סְ'אִיז גֶעוֶוען אִין גַאס הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט בְּלַייבְּן לֶעבְּן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דִי הָאגְל צוּבְּרָאכְן אַלֶע בּוֹימֶער, אִין אַלֶע גֶעוואוּקְסְן וִוי פְּרוּכְט אִין גְרִינְצַייג זֶענֶען קַאלְיֶע גֶעוָוארְן, נָאר אִין לַאנְד גוֹשֶׁן בַּיי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז גֶעוֶוען רוּאִיג אַזוֹי וִוי אַ גַאנְצֶע צַייט.

פַּרְעֹה הָאט גֶעשִׁיקְט רוּפְן מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן, אִין עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶּער, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶערֶעכְט מִיט דִי אַלֶע מַכּוֹת וָואס עֶר שִׁיקְט אוֹיף אוּנְז, דַאוְונְט צוּ דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז דִי הָאגְל זָאל זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן, אוּן אִיךְ וֶועל אַרוֹיס שִׁיקְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן מִצְרַיִם.

מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן פַּרְעֹה'ס פַּאלַאץ, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז סְ'זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן דִי הָאגְל, אִין דִי הָאגְל הָאט זִיךְ גְלַייךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, וֶוען פַּרְעֹה הָאט גֶעזֶעהְן אַז דִי הָאגְל הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעזִינְדִיגְט צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶּער, אִין עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיס לָאזְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, אַזוֹי וִוי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן.

## מַכַּת אַרְבֶּה

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַּאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֵיי צוּ פַּרְעֹה אִין זָאג אִים אַזוֹי, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פוּן דִי אִידְן הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט דִיר צוּפְרֶעגְן וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶועלְן אַרוֹיס שִׁיקְן דֶעם אִידִישְׁן פָאלְק מִיר צוּ דִינֶען, אוּן אוֹיבּ דִי ווִילְסְט נִישְׁט אַרוֹיס שִׁיקְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, וֶועט קוּמֶען דִי אַכְטֶע מַכָּה אַרְבֶּה.

מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן קוּמֶען דְרַיי וָואכְן יֶעדְן טָאג אִין זֵיי וָוארֶענֶען פַּרְעֹה אִין גַאנְץ מִצְרַיִם הֶערְט מֶען דִי וָוארֶענוּנְג, אַז ס'גֵייט קוּמֶען הֵיישֶׁערִיקְן אוֹיף מִצְרַיִם וואס זֵיי גֵייעְן

אויפֶעסְן דִי תְּבוּאָה וָואס דִי בָּרָד הָאט אִיבֶּער גֶעלָאזְט, און אַז דִי הֵיישֶׁערִיקְן וֶועלְן אַרַיינְגֵיין אִין דִי שְׁטוּבֶער און פוּן דָארְט וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ אַלֶעס אוֹיפֶעסְן, אָבֶער דֶער רָשָׁע פַּרְעֹה וִויל נִישְׁט אַרוֹיס לָאזְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם.

דִי גֶענֶעַרַאלְן פוּן פַּרְעֹה הָאבְּן זִיךְ אָבֶער יָא דֶערשְׁרָאקְן פוּן דִי וָוארֶענוּנְג וָואס משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעוָוארְנְט פַּרְעֹה, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט פַאר פַּרְעֹה, ווילַאנְג נָאךְ וֶועלְן מִיר לַיידְן וֶועגְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, שִׁיק זֵיי שׁוֹין אַוֶועק פוּן דָא אַז זֵיי זָאלְן קֶענֶען דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר פַּרְעֹה דִי וֶועהְסְט נָאךְ נִישְׁט אַז מִצְרַיִם הָאט שׁוֹין דֶערְלֵייגְט כִּמְעַט אַלֶע אִירֶע זַאכְן, ס'אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט דָא צוּ עֶסְן, אַלֶעס אִיז שׁוֹין חָרוּב גֶעוָוארְן.

וֶוען פַּרְעֹה הָאט דָאס גֶעהֶערְט פוּן זַיינֶע גֶענֶעַרַאלְן,



הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט רוּפְן מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, עֶנְק קֶענֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן מִצְרַיִם דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אִיךְ וִויל עֶנְק זָאלְן מִיר זָאגְן וֶוער גֵייט אַלְץ אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט וָואס הֵייסְט וֶוער גֵייט אַלְץ אַרוֹיס, אַלֶע צוּזַאמֶען, פוּן יוּנְג בִּיז אַלְט, מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן, שָׁאף אוּן רוּנְדֶער, אַלֶעס גֵייט אַרוֹיס וַוייל סְ'אִיז אַ יוֹם טוֹב פַאר אוּנְז.

פַּרְעֹה'ס הַארְץ וֶוערְט הַארְט אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ טָאמֶער וִוילְן עֶנְק גֵיין דִינֶען דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער דֶעמָאלְטְס דַארְפְן נָאר גֵיין דִי מֶענֶער, דִי וַוייבֶּער אוּן קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט גֵיין, אוּן פַּרְעֹה הָאט גֶעהֵייסְן פַאר זַיינֶע בַּאדִינֶערְ'ס אַז מֶען זָאל אַרוֹיס וַוארְפְן מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן פוּן זַיין פַּאלַאץ.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הֵייבּ אוֹיף דַיין שְׁטֶעקְן צוּם הִימְל, אִין מֹשֶׁה הָאט אַזוֹי גֶעטָאן, אִין סְ'הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בְּלָאזְן אַ מִזְרָח וִוינְט, אַ גַאנְצְן טָאג אִין אַ גַאנְצֶע נַאכְט הָאט גֶעבְּלָאזְן דֶער מִזְרָח וִוינְט, דֶערְנָאךְ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען הֵיישֶׁעריקְן קַיין מִצְרַיִם, נִישְׁט נָאר אֵיין סָארְט הֵיישֶׁעריק נָאר זִיבְּן סָארְט הֵיישֶׁעריקְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען.

אַזוֹי פִיל הֵיישֶׁעריקְן הָאט מֶען נָאכְנִישְׁט גֶעזֶעהְן אִין דִי וֶועלְט אוֹיף אֵיינְמָאל, אִין דִי הֵיישֶׁעריקְן זֶענֶען אַזוֹי פִיל אַז סְ'אִיז אֲפִילוּ נִישְׁט אָפְּגֶערוּקְט אֵיינְס פוּנֶעם צְוֵוייטְן, אַז

סְ'קוּקְט אוֹיס אֵיין לַאנְגֶע קַארְפֶּעט, דִי זוּן אִיז גֶעוָוארְן פַּארְשְׁטֶעלְט פוּן אַזוֹי פִיל הֵיישֶׁערִיקְן, אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶעהְן וֶוען סְ'אִיז טָאג אוּן וֶוען סְ'אִיז נַאכְט.

דִי מִצְרִיִים דְרֵייעֶן זִיךְ רוּאִיג אִין דִי גַאסְן פוּן מִצְרַיִם, אוּן וֶוען אַ מִצְרִי זֶעהְט וִוי דִי הֵיישֶׁעריִקְן הֵייבְּן אָן צוּ קוּמֶען פְּרָאבִּירְט עֶר שְׁנֶעל אַהֵיים צוּ לוֹיפְן, אָבֶּער אִין אַ סֶעקוּנְדֶע וֶוערְט פִיל דִי גַאנְצֶע עֶרְד מִיט הֵיישֶׁעריִקְן, זֵיי הֵייבְּן אָן צוּ עֶסְן מִיט אַ גְרוֹיסְן אַפֶּעטִיט אַלֶעס וָואס סְ'אִיז נָאר דָא אוֹיף דֶער עֶרְד, דֶער מִצְרִי קֶען קוֹים צְוִוישְׁן אַזוֹי פִיל הֵיישֶׁעריִקְן אָנְקוּמֶען אַהֵיים.

דִי מִצְרִיִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אִין זֵייעֶרֶע שְׁטוּבֶּער קוּקְן אַרוֹיס פוּן דִי פֶּענְסְטֶער'ס אִין זֵיי זֶעהְן מִילְיָאנֶען הֵיישֶׁעריִקְן עֶסְן אוֹיף אַלֶעס וָואס זֵיי זֶעהְן, דִי שֵׁיינֶע גְרָאז, אַלֶע פֶּעלְדֶער מִיט וֵוייץ אִין אַלֶעס וָואס סְ'אִיז נִישְׁט קַאלְיֶע גֶעוָוארְן בַּיי דִי מַכָּה פוּן בָּרָד וֶוערְט יֶעצְט אוֹיפְגֶעגֶעסְן דוּרְךְ דִי הֵיישֶׁעריִקְן.

אַלֶעס עֶסְן דִי הֵיישֶׁעריִק אוֹיף פֵּרוֹת, בְּלֶעטְלֶעךְ, צְוַוייגְן, בּוֹימֶער, טְרַאכְטְן זֵיי בַּיי זִיךְ לְפָחוֹת קוּמֶען זֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין דִי שְׁטוּבֶּער אוֹיפְעֶסְן וָואס זֵיי הָאבְּן אִין דִי שְׁטוּבֶּער, אָבֶּער דִי הֵיישֶׁעריִקְן זֶענֶען אוֹיךְ אַרַיינְגֶעקְרָאכְן אִין דִי שְׁטוּבֶּער, אוּן אִין דִי קֶעלֶערְס וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַוֶועק גֶעלֵייגְט אַסַאךְ עֶסְן, אִין זֵיי הָאבְּן אַלֶעס אוֹיפְגֶעגֶעסְן.

דִי מִצְרִיִים זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן דָאס בִּיסֶעלֶע עֶסְן וָואס סְ'אִיז זֵיי אִיבֶּער גֶעבְּלִיבְּן נָאךְ דִי שְׁוֶוערֶע מַכּוֹת

עֶסְן יֶעצְט אוֹיף דִי הֵיישֶׁערִיקְן, אֲפִילוּ טְרוּנְקֶען קֶענֶען זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט וַוייל דִי הֵיישֶׁערִיקְן פַארְשְׁטָאפְּן אַלֶע לֶעכֶער פוּן וִוי דִי וַואסֶערְן קוּמֶען אַרוֹיס, אִין דִי הֵיישֶׁערִיקְן שְׁטֶעלְן זִיךְ נִישְׁט אָפּ בַּיי דִי עֶסְן, נָאר זֵיי הֵייבְּן אוֹיךְ אָן צוּ עֶסְן דִי קְלֵיידֶער פוּן דִי מִצְרִיִים, אֲפִילוּ דִי פְלֵייש פוּן זֵייעֶר קֶערְפֶּער הֵייבְּן זֵיי אוֹיךְ אָן צוּ עֶסְן.

אַמָאלִיגֶע צַייטְן פְלֶעגְן דִי מֶענְטְשְׁן עֶסְן הֵיישֶׁערִיקְן, סְ'אִיז דָא אֲפִילוּ כָּשֶׁר'ע הֵיישֶׁערִיקְן וָואס דִי אִידְן הָאבְּן אוֹיךְ גֶעקֶענְט עֶסְן, הָאבְּן דִי מִצְרִיִים גֶעטְרַאכְט אוֹיבּ סְ'אִיז דָא אַזוֹיפִיל הֵיישֶׁערִיקְן, אוּן סְ'אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ עֶסְן אִין מִצְרַיִם, וֶועלְן זֵיי אָנְפִילְן פִילֶע פֶּעסֶער מִיט הֵיישֶׁערִיקְן אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן נָאךְ דִי מַכֶּה, אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעפִילְט זֵייעֶר אַסַאךְ פֶּעסֶער.

זֵייעֶרֶע אַ שְׁוֶוערֶע וָואךְ אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי מִצְרִיִים אִין מִצְרַיִם, פַּרְעֹה הָאט גֶעשִׁיקְט רוּפְן מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן אִין עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אוֹיךְ צוּ עֶנְק, דַאוְונְט צוּ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר זָאל שׁוֹין אַוֶועק נֶעמֶען דִי הֵיישֶׁערִיקְן פוּן מִצְרַיִם.

מֹשֶׁה רַבֵּינוּ בֶּעט שׁוֹין נִישְׁט פוּן פַּרְעֹה אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אִין אַרוֹיס לָאזְן דִי אִידְן וַוייל עֶר וֵייסְט אַז פַּרְעֹה וֶועט נִישְׁט אַרוֹיס שִׁיקְן דִי אִידְן, אָבֶער עֶר גֵייט בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז דִי מַכָּה זָאל זִיךְ שׁוֹין עֶנְדִיגְן.

נָאכְדֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אִיז גֶעקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע וִוינְט וִוינְט אִין סְ'הָאט מִיט גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ אַלֶע הֵיישֶׁעְרִיקְן, אֲפִילוּ דִי הֵיישֶׁעְרִיקְן וָואס דִי מִצְרִיִים הָאבְן גֶעהַארְבֶּעט שְׁוֶוער דָאס אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי פֶּעסֶער זֶענֶען אוֹיךְ אַוֶועק גֶעפְלוֹיגְן מִיטְן וִוינְט.

וֶוען דִי הֵיישֶׁעְרִיקְן זֶענֶען אַוֶועק הָאט מִצְרַיִם אוֹיס גֶעקוּקְט אַזוֹי וִוי נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע מִלְחָמָה, סְ'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דָארְט קַיין פֵּרוֹת אָדֶער בּוֹימֶער, אַלֶע פֶּעלְדֶער מִיט גֶערְטֶענֶער זֶענֶען קַאלְיֶע גֶעוָוארְן, אָבֶּער פַּרְעֹה'ס הַארְץ אִיז פַארְשְׁטֵיינֶערְט, עֶר הָאט וַוייטֶער נִישְׁט אַרוֹיס גֶעלָאזְט דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם.

## מַכַּת חֹשֶׁךְ

נָאךְ דִי מַכָּה פוּן אַרְבֶּה הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ נִישְׁט גֶעוָוארְנְט פַאר פַּרְעֹה אַז סְ'גֵייט קוּמֶען נָאךְ אַ מַכָּה, וֶוען סְ'אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען דְרַיי וָואכְן פוּן וֶוען דִי הֵיישֶׁעְרִיקְן זֶענֶען אַוֶועק פוּן מִצְרַיִם, אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דִי זוּן הָאט קוֹים גֶעהָאט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט בַּיין אַ זֵייגֶער אִינְדֶערְפְרִי אִיז פְּלוּצְלוּנְג גֶעוָוארְן טוּנְקְל אִין גַאנְץ מִצְרַיִם, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט זֶעהְן אִין מִצְרַיִם אֲפִילוּ דִי לִיכְט וָואס הָאבְן גֶעבְּרֶענְט אִין דִי שְׁטוּבֶּער הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט לִיכְטִיג מַאכְן.

דִי מִצְרִיִים הָאבְן זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, זֵיי הָאבְן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶעהְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, זֵיי הֵייבְּן אוֹיף

זֵייעֶרֶע הֶענְט אִין זֵיי לֵייגְן דָאס לֶעבְּן זֵייעֶרֶע אוֹיגְן אִין אֲפִילוּ זֵייעֶרֶע הֶענְט קֶענֶען זֵיי נִישְׁט זֶעהְן, זֵיי הֵייבְּן אָן צוּ טְרַאכְטְן אַז אֶפְשָׁר זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן בְּלִינְד, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס סְ'גֵייט פָּאר מִיט זֵיי.

דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטוּבֶּער הָאבְּן נִישְׁט גֶעזֶעהְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אִין דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעזֶעהְן דִי עֶלְטֶערְן, דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעוֵויינְט, אָבֶּער דִי מַאמֶע זֶעהְט נִישְׁט וִוי צוּ גֵיין, דִי בּוּבֶּעלֶע וֵויינְט פוּן גְרוֹיס שְׁרֶעק אַז עֶר זֶעהְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, דִי מַאמֶע קֶען שׁוֹין נִישְׁט הֶערְן דִי קוֹלוֹת אִין שְׁטוּבּ, אִיז זִי מַחְלִיט אַז זִי גֵייט פְּרָאבִּירְן צוּ צוּגֵיין צוּ דִי קְלֵיינֶע בּוּבֶּעלֶע, אִים צוּ בַּארוּאִיגְן, זִי זֶעהְט אָבֶּער נִישְׁט וִוי צוּ גֵיין, אִינְמִיטְן וֶוען זִי גֵייט אִין דִי טוּנְקְל קְלַאפְּט זִי אַרַיין אִיר קָאפּ אִין וַואנְט, זִי



קְלַאפְּט זיך אָן אין אַ בֶּענְקְל אין זי דְרֵייט זיך איבֶּער צוּזַאמֶען מִיטְן בֶּענְקְל אוֹיף דֶער עֶרְד.

דֶער טַאטֶע פוּן דִי שְׁטוּב אִיז שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי אַרְבֶּעט, וֶוען עֶר הֵייבְּט קוֹים אָן צוּ אַרְבֶּעטְן וֶוערְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פִינְסטֶער'קֵייט עֶר זֶעהְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּהְן אִין דִי אַרְבֶּעט, עֶר הֵייבְּט אָן אַהֵיים צוּגֵיין זֶעהְן וָואס סְ'טוּט זִיך אִין שְׁטוּב, אָבֶּער עֶר קֶען נִישְׁט גֵיין אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט וַוייל סְ'אִיז טוּנְקְל.

עֶר פְּרָאבִּירְט אֶפְשָׁר דָאך וֶועט עֶר קֶענֶען אַהֵיים גֵיין, עֶר הֵייבְּט אָן צוּ גֵיין, עֶר זֶעהְט נִישְׁט ווִי סְ'אִיז דָא אַ טְרֶעפְּל עֶר פַאלְט אַרָאפּ, וֶוען עֶר גֵייט וַוייטֶער הַאקְט עֶר זִיך אַרַיין אִין וַואנְט אַרַיין, אַ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אִין דִי טוּנְקְל הַאקְט זִיך אַרַיין אִין אִים, בֵּיידֶע פַאלְן אַרָאפּ אִין זֵיי שְׁלָאגְן זִיך אַרוּם וֶוער סְ'אִיז שׁוּלְדִיג.

דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין בֵּיין אַ זֵייגֶער אִינְדֶערְפְרִי וֶוען סְ'אִיז גֶעוָוארְן טוּנְקְל גֶעוֶוען אִין זֵייעֶרֶע שׁוּלֶע'ס, יֶעדֶער אֵיינֶער פְּרָאבִּירְט אַרוֹיסְצוּלוֹיפְן אוֹיף דִי גַאס אֶפְשָׁר אִיז דָארְט לִיכְטִיג, אָבֶּער וֶוען אַלֶע לוֹיפְן צוּזַאמֶען פַאלְט מֶען אַרָאפּ אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן.

דִי קוֹלוֹת וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען דָארְט אִיז נִישְׁט זִיך פָארְצוּשְׁטֶעלְן, וֶוען זֵיי זֶענֶען שׁוֹין יָא אָנְגֶעקוּמֶען אִינְדְרוֹיסְן וֵוייסְן זֵיי נִישְׁט וְואוּ אַהִין צוּגֵיין, וְואוּ זֵיי זֶענֶען יֶעצְט וְואוּ שְׁטֵייעֶן זֵיי, זֵיי הֵייבְּן אָן צוּ וֵויינֶען טַאטֶע, מַאמֶע, הַצִילוּ, וִוי שְׁטֵיי אִיך יֶעצְט.

דִי מִצְרִיִים הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶעהְן ווִי דָאס עֶסְן לִיגְט, ווִי אִיז דִי טְרוּנְקֶען, ווִי אִיז זֵייעֶר בֶּעט, גָארְנִישְׁט הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶעהְן, דְרַיי טֶעג אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען.

אָבֶּער דִי מַכָּה נִישְׁט נָאר אַז סְ'הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט נָאךְ דְרַיי טֶעג נָאר סְ'אִיז נָאךְ גֶעוָוארְן אַסַאךְ עֶרְגֶער, דִי קוּמֶענְדִיגֶע טֶעג פוּן דִי מַכָּה הָאט קַיין אֵיין מִצְרִי זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן פוּן זַיין פְּלַאץ, דָארְט ווִי עֶר אִיז גֶעוֶוען אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן.

טָאמֶער אִיז זַיין הַאנְט גֶעוֶוען אִין דִי הוֹיךְ אִיז דָאס גֶעבְּלִיבְּן אִין דִי הוֹיךְ, טָאמֶער הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶעצְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן אָדֶער שְׁרַייעֶן, דִי מִצְרִיִים הָאבְּן גֶעטְרַאכְט בַּיי זִיךְ, אִיךְ בִּין אַ לֶעבֶּעדִיגֶער מֶענְטְשׁ אָדֶער אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט פוּן דִי לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, אַלֶע מֶענְטְשְׁן אִין מִצְרַיִם זֶענֶען אִין דִי זֶעלְבֶּע מַצָב אַזוֹי ווִי מִיר אָדֶער אִיךְ בִּין דֶער אֵיינְצִיגֶער וָואס אִיז אַזוֹי.

בַּיי דִי אִידְן אִיז גֶעוֶוען לִיכְטִיג אַזוֹי ווִי אַ אֵייבִּיג, אִין טָאמֶער אִיז אַ אִיד גֶעגַאנְגֶען דָארְט ווִי דִי מִצְרִיִים זֶענֶען גֶעוֶוען אִיז פַאר דֶעם אִיד גֶעוֶוען לִיכְטִיג אִין פַאר דֶעם גוֹי טוּנְקְל, דִי אִידְן זֶענֶען אַרַיין בַּיי דִי מִצְרִיִים אִין שְׁטוּב אִין גֶעעֶפְנְט אַלֶע זֵייעֶרֶע שַׁאפֶעס אִין גֶעזֶעהְן פּוּנְקְטְלִיךְ ווִי זֵייעֶרֶע טַייעֶרֶע זַאכְן לִיגְן.

לָאמִיר טְרַאכְטְן ווִיאַזוֹי סְ'הָאט אוֹיס גֶעקוּקְט בַּיי אַ מִצְרִי וֶוען אַ אַ אִיד אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין זַיין שְׁטוּב אִיבֶּער קוּקְן

זַיינֶע זַאכְן, דֶער מִצְרִי וָואס וֵוייסְט נִישְׁט צוּ עֶר לֶעבְּט יָא אָדֶער נִישְׁט, הֶערְט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ ווִי אֵיינֶער קוּמְט אַריין, טְרַאכְט אוֹיבּ אִיךְ הֶער אִיז אַ סִימָן אַז אִיךְ לֶעבּ יָא, אֶפְשָׁר דֶער מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט וֶועט מִיר קֶענֶען עֶפֶּעס הֶעלְפְן.

אָבֶער עֶר הֶערְט ווִי דֶער מֶענְטְשׁ עֶפְנְט אוֹיף אוּן זַיין שְׁטוּבּ דִי שַׁאפֶּעס, עֶר ווִיל שְׁרַייעֶן גַנָב, אָבֶער עֶר קֶען נִישְׁט עֶפֶּענֶען זַיין מוֹיל, עֶר הֶערְט ווִי דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן אִיבֶּער צוּדְרֵייעֶן זַיינֶע זַאכְן אִין דִי שַׁאפֶּעס, טְרַאכְט עֶר זִיךְ בַּיי זִיךְ אַ חוּצְפָּה אִיךְ גֵיי אִים אָנְקְלַאפְּן דִי בֵּיינֶער, אָבֶער עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן פוּן זַיין פְּלַאץ, אַזוֹי הָאבְּן דִי אִידְן גֶעזֶעהְן פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס דִי מִצְרִיִים הָאבְן, אוּן ווִי סְ'לִיגְט אַלֶע זֵייעֶרֶע זַאכְן.

וֶוען סְ'אִיז גֶעוָוארְן צוּרִיק לִיכְטִיג הָאט פַּרְעֹה גֶערוּפְן מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן אִין עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, עֶנְק קֶענֶען גֵיין דִינֶען דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער עֶנְקֶערֶע שָׁאף זָאל בְּלַייבְּן אִין מִצְרַיִם, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נִישְׁט מַסְכִּים צוּ דֶעם אִין עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר פַּרְעֹה, גָארְנִישְׁט וֶועלְן אוּנְז נִישְׁט אִיבֶּער לָאזְן אִין מִצְרַיִם, נִישְׁט נָאר אוּנְז וֶועלְן נֶעמֶען אַלֶע אוּנְזֶערֶע שָׁאף אוּן רוּנְדֶער נָאר דִי וֶועסְט אוּנְז נָאךְ צוּגֶעבְּן פוּן דִי אַלֶע זַאכְן.

הָאט פַּרְעֹה גֶעזָאגְט אוֹיבּ אַזוֹי וֶועל אִיךְ נִישְׁט לָאזְן דִי אִידְן אַרוֹיס גֵיין פוּן מִצְרַיִם, עֶר הָאט אָנְגֶעוָוארְנְט מֹשֶׁה עֶר

זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערוַואגְן נָאכְאַמָאל צוּקוּמֶען צוּ אִים אִין פַּאלַאץ, וַוייל אוֹיבּ יָא וֶועט עֶר אִים הַרְגֶענֶען.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ דֶעמָאלְטְס בַּאוואוּזְן צוּ מֹשֶׁה אִין עֶר הָאט אִים גֶעהֵייסְן זָאגְן פַּאר פַּרְעֹה אַז סְ'גֵייט קוּמֶען זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע מַכָּה אוֹיף מִצְרַיִם וָואס סְ'אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אִין סְ'וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין.

מֹשֶׁה הָאט דָאס גֶעזָאגְט פַּאר פַּרְעֹה, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז בַּיי חֲצוֹת הַלַיְלָה, פּוּנְקְט אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, וֶועט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הַרְגֶענֶען אַלֶע בְּכוֹרִים פוּן דִי מִצְרִיִים, סְ'וֶועט זַיין אַזֶעלֶעכֶע קוֹלוֹת וָואס סְ'אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אִין סְ'וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין, מֹשֶׁה הָאט אִים אוֹיךְ גֶעזָאגְט זֵייעֶר גוּט הָאסְטוּ גֶעזָאגְט, אַז אִיךְ וֶועל שׁוֹין מֶער נִישְׁט קוּמֶען צוּ דִיר, נָאר דִי וֶועסְט קוּמֶען צוּ מִיר, אִין דִי וֶועסְט זִיךְ בֶּעטְן אַז אוּנְז זָאלְן אַרוֹיס גֵיין פוּן מִצְרַיִם.

## מַכַּת בְּכוֹרוֹת

עֶס אִיז גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מִצְרִיִים וָואס הָאבְּן זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דִי מַכָּה וַוייל אִין יֶעדֶע שְׁטוּבּ אִיז גֶעוֶוען אַ בְּכוֹר, סְ'אִיז גֶעוֶוען שְׁטוּבֶּער וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַפָּאר בְּכוֹרִים, אָבֶער סְ'אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען מִצְרִיִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט אִין זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַז סְ'גֵייט קוּמֶען אַזַא מַכָּה.

דִי וָואס הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט הָאבְּן גֶעבֶּעטְן פוּן דִי אִידְן אַז זֵיי זָאלְן אַרַיינֶעמֶען אִין זֵייעֶר שְׁטוּבּ דִי בְּכוֹרִים אֶפְשָׁר וֶועלְן זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן, אִין סְ'אִיז גֶעוֶוען מִצְרִיִים וָואס הָאבְּן גֶעטְרָאגְן זֵייעֶרֶע בְּכוֹרִים צוּ דִי גֶעטְשְׁקֶעס זֵיי הָאבְּן נָאךְ גֶעמֵיינְט אַז דִי נַארִישֶׁע גֶעטְשְׁקֶעס וֶועלְן זֵיי קֶענֶען רַאטֶעוֶוען.

וֶוען סְ'אִיז גֶעוָוארְן פּוּנְקְט חֲצוֹת, פּוּנְקְט אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין גֶעקוּמֶען, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ אָדֶער אַ מַלְאָךְ נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין הָאט גֶעהַארְגֶעט אַלֶע בְּכוֹרִים פוּן גַאנְץ מִצְרַיִם.

אַ שְׁטוּבּ וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דִי שְׁוֶועל בְּלוּט הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיבֶּער גֶעטַאנְצְן וַוייל סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ סִימָן אַז דָאס אִיז אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, דִי מִצְרִיִים הָאבְּן



אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייֶען אִין וֵויינֶען, וַוייל סְ'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ שְׁטוּבּ וָואס סְ'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דָארְט אַ טוֹיטֶער.

שְׁטֶעלְט'סְ עֶנְק פָּאר וָואסְפַּארַא קוֹלוֹת סְ'אִיז דָארְט גֶעוֶוען, נִישְׁט נָאר אִין מִצְרַיִם הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט דִי קוֹלוֹת נָאר אוֹיךְ אִין אַלֶע לֶענְדֶער אַרוּם מִצְרַיִם.

נִישְׁט נָאר דִי בְּכוֹרִים פוּן דִי מִצְרִיִים זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן נָאר אוֹיךְ דִי אַלֶע גוֹי'אִישֶׁע קְנֶעכְט וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בְּכוֹרִים זֶענֶען אוֹיךְ גֶעשְׁטָארְבְּן, אַזוֹי אוֹיךְ דִי בְּכוֹרִים פוּן אַלֶע חַיוֹת, שָׁאף, רוּנְדֶער, זֶענֶען אוֹיךְ גֶעשְׁטָארְבְּן.

פַּרְעֹה לִיגְט אוֹיף זַיין בֶּעט אִינְמִיטְן נַאכְט, פְּלוּצְלוּנְג וֶוערְט זַיין שְׁלָאף גֶעשְׁטֶערְט פוּן שְׁרֶעקְלִיכֶע קוֹלוֹת, עֶר גֵייט קוּקְן וָואס טוּהְט זִיךְ וָואס אִיז דִי קוֹלוֹת זֶעהְט עֶר אַז דִי בְּכוֹרִים פוּן מִצְרַיִם שְׁטַארְבְּן, גֵייט עֶר קוּקְן וָואס סְ'טוּט זִיךְ מִיט זַיין עֶלְטְסְטֶער זוּהְן זֶעהְט עֶר אַז עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעשְׁטָארְבְּן.

פַּרְעֹה אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן וַוייל עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ בְּכוֹר עֶר זֶעהְט אַז זַיינֶע אַלֶע קְנֶעכְט וָואס זֶענֶען בְּכוֹרִים זֶענֶען אוֹיךְ גֶעשְׁטָארְבְּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה וַוייל עֶר מֵיינְט אַז עֶר גֵייט שׁוֹין בַּאלְד אוֹיךְ שְׁטַארְבְּן, מִיט זַיינֶע שְׁלָאף קְלֵיידֶער לוֹיפְט עֶר קַיין גוֹשֶׁן אוֹיפְזוּכְן מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן.

אִינְמִיטְן וֶועג קַיין גוֹשֶׁן שְׁרַייֶען אַלֶע מִצְרִיִים פוּן דִי פֶענְסְטֶער פַּרְעֹה הָאבּ שׁוֹין רַחֲמָנוּת אוֹיף אוּנְז שִׁיק שׁוֹין

אַוֶועק דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם אוּנְז הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זַיי, אוּן וֶוען עֶר גֵייט אַרִיבֶּער בַּיי אַ פֶּענְסְטֶער פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ זֶעהְט עֶר וִוי דִי אִידְן עֶסְן פְּרֵיילִיכֶערְהֵייט דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח.

עֶר קוּמְט אָן אִין גוֹשֶׁן אַלֶע אִידְן הֵייבְּן אָן צוּ לֵיצָנוּת מַאכְן פוּן אִים, פַּרְעֹה מִיט זַיינֶע פִּיזַ'אמֶעס, דֶער גְרוֹיסֶער אַלְמֶעכְטִיגֶער קֶענִיג זוּכְט מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן, פַּרְעֹה פְּרֶעגְט פַאר דִי אִידְן וִוי אִיז מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן, זַיי זֶענֶען דָא, זַיי זֶענֶען דָארְטְן, עֶנְטְפֶערְט מֶען אִים, פַּרְעֹה לוֹיפְט אַרוּם עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַ וְואוּ זַיי זֶענֶען בֶּאֱמֶת.

עֶנְדְלִיךְ טְרֶעפְט עֶר זַיי שׁוֹין, פַּרְעֹה פַאלְט מֹשֶׁה'ן צוּ דִי פוּס, עֶר בֶּעט זִיךְ צוּ מֹשֶׁה אַז דִי אִידְן זָאלְן שׁוֹין אַרוֹיס גֵיין פוּן מִצְרַיִם, נִישְׁט נָאר עֶר בֶּעט נָאר עֶר זָאגְט אִיךְ גִיבּ עֶנְק מֶער נִישְׁט קַיין רְשׁוּת צוּ זַיין דָא.

מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין אִינְמִיטְן נַאכְט אַזוֹי וואוּ גַנָבִים נָאר אִינְמִיטְן טָאג אַלֶע זָאלְן זֶעהְן וִוי אוּנְז גֵייעֶן אַרוֹיס, דִי קֶענְסְט אַהֵיים גֵיין דִי וֶועסְט נִישְׁט שְׁטַארְבְּן אֲפִלוּ דִי בִּיסְט אַ בְּכוֹר וַוייל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט צוּ שְׁטְרָאפְן דִי מִצְרִיִים אִין דִי וֶועסְט נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פַאר וֶוען דִי וֶועסְט זֶעהְן וִוי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט פַאר אַלֶע שְׁלֶעכְטְ'ס וָואס דִי מִצְרִיִים הָאבְּן גֶעטוּהְן פַאר דִי אִידְן.

פַּרְעֹה אִיז אַהֵיים אַבִּיסְל רוּאִיג וַוייל עֶר הָאט גֶעוְואוּסְט אַז עֶר וֶועט נִישְׁט שְׁטַארְבְּן הַיינְט בַּיינַאכְט אָבֶּער עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט וָואס וֶועט וַוייטֶער גֶעשֶׁעהְן.

## יְצִיאַת מִצְרַיִם

ס'וֶועְרט אִינְדֶערְפְרִי אוּן אִין אַלֶע שְׁטוּבֶּער וֵויינְט מֶען נָאךְ, וַוייל אִיבֶּערָאל אִיז גֶעוֶוען טוֹיטֶע מֶענְטְשְׁן, אִינְמִיטְן הֶערְט מֶען קְלַאפְּן אוֹיף דִי טִיר, דֶער מִצְרִי גֵייט קוּקְן וֶוער אִיז דָארְטְן, זֶעהְט עֶר אַז אַ אִיד שְׁטֵייט בַּיי דִי טִיר, דֶער אִיד זָאגְט אִים, אוּנְז גֵייעֶן יֶעצְט אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם דִינֶען דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער וֶועגְן דֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר פַּאר בָּארְג מִיר דַיינֶע טַייעֶרֶע קְלֵיידֶער אִין אוֹיךְ דַיינֶע צִירוּנְג דִי



גָאלְדֶענֶע זַאכְן אִין דִי זִילְבֶּערְנֶע זַאכְן.

הָאט דֶער מִצְרִי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גָארְנִישְׁט קַיין טַייעֶרֶע זַאכְן, הָאט אִים דֶער אִיד גֶעזָאגְט דִי לִיגְנֶער וָואס דוּ בִּיסְט וֶוען סְ'אִיז גֶעוֶוען מַכַּת חֹשֶׁךְ בִּין אִיךְ אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין דַיין שְׁטוּבּ אִין אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן אַלֶע פְּלֶעצֶער וִוי דוּ בַּאהַאלְט'סְ.

דֶער אִיד הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוּם צוּנֶעמֶען דֶעם מִצְרִי אִין אַלֶע פְּלֶעצֶער, עֶרְשְׁט יֶעצְט הָאט דֶער מִצְרִי פַארְשְׁטַאנֶען אַז בַּיי מַכַּת חֹשֶׁךְ וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוְואוּסְט צִי עֶר אִיז אַ לֶעבֶּעדִיגֶער אָדֶער עֶר אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי אֵיינֶער דְרֵייט זִיךְ בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ יֶעצְט וֵוייסְט עֶר שׁוֹין וֶוער דָאס אִיז גֶעוֶוען.

דֶער מִצְרִי הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם אִיד אַלֶעס וָואס עֶר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן, אַזוֹי הָאבְּן דִי אִידְן בַּאקוּמֶען גָאר אַסַאךְ טַייעֶרֶע זַאכְן אַז יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן נַיינְצִיג אֵייזְלֶען צוּ אַרוֹיף לֵייגְן אוֹיף זֵיי דִי אַלֶע טַייעֶרֶע זַאכְן.

דִי אִידְן דַארְפְן זִיךְ שׁוֹין אַבִּיסְל צוּ יָאגְן וַוייל סְ'וֶועט שׁוֹין שְׁפֶּעט אוּן בַּיי חֲצוֹת הַיּוֹם, פּוּנְקְט אִינְמִיטְן טָאג דַארְפְן זֵיי אַרוֹיס גֵיין פוּן מִצְרַיִם, אִינְמִיטְן הֶערְן זֵיי דִי קוֹל פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעהַאט גָאר אַ שְׁטִילֶע קוֹל אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן שׁוֹין קוּמֶען קַיין רַעַמְסֵס, וַוייל פוּן דָארְטְן וֶועלְן אַלֶע אִידְן אַרוֹיס גֵיין צוּזַאמֶען פוּן מִצְרַיִם.

דִי אַלֶע אִידְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען צוּשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער גַאנְץ מִצְרַיִם, נֶעמֶען צוּזַאם דִי טַייעֶרע זַאכְן פַּאקְן זִיךְ שְׁנֶעל אַיין דִי פֶּעקְלַאךְ אִין גֵייעֶן גְלַייךְ קַיין רַעֲמְסֵס.

משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וָואס יוֹסֵף הַצַּדִיק הָאט בַּאשְׁוְואוירְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַז מֶען זָאל אַרוֹיף טְרָאגְן זַיין אָרוֹן פוּן מִצְרַיִם בִּשְׁעַת וֶוען מְ׳גֵייט אַרוֹיס, אִיז עֶר דָאס גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְזוּכְן, עֶר הָאט דָאס אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוְואוּסְט אַ וְואוּ דָאס לִיגְט.

בִּיז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן סֶרַח בַּת אָשֵׁר וָואס זִי הָאט גֶעלֶעבְּט וֶוען יוֹסֵף אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אֶפְשָׁר וֶועט זִי גֶעדֶענְקֶען וְואוּ דֶער אָרוֹן לִיגְט, אִין זִי הָאט אִים טַאקֶע גֶעזָאגְט וְואוּ סְ׳לִיגְט, משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דָאס גֶענוּמֶען אַז דִי



אִידְן זָאלְן דָאס קֶענֶען מִיטְנֶעמֶען.

דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין צַייט מִיט צוּנֶעמֶען קַיין עֶסְן, אֲפִּלוּ דִי טֵייג וָואס זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעגְרֵייט צוּ בַּאקְן בְּרוֹיט הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהַאט קַיין צַייט צוּ בַּאקְן, נָאר זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי טֵייג אוֹיף זֵייעֶרֶע אַקְסְלֶען אוּן סִ'הָאט זִיךְ אַלֵיין אָפְּגֶעבַּאקְן פוּן דִי זוּן.

דָאנֶערְשְׁטִיג מִיטָאג פוּפְצְן טָאג אִין חֹדֶשׁ נִיסָן פּוּנְקְט אִינְמִיטְן טָאג, נִישְׁט אִינְמִיטְן נַאכְט אַז מְ'זָאל זָאגְן אַז דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס ווִי גַּנָבִים, זֶענֶען דִי אִידְן אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, קַיין אֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט פוּן אַרוֹיס גֵיין, דִי הוּנְט הָאבְּן נִישְׁט גֶעבִּילְט, אוּן נִישְׁט נָאר דִי מִצְרִיִים הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט נָאר פּוּנְקְט פַארְקֶערְט זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן אַז דִי אִידְן זָאלְן גֵיין, פַּרְעֹה אַלֵיין אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים טוֹיעֶר אִין גֶעשְׁרִיגְן גֵייטְס שְׁנֶעלֶער, שְׁנֶעלֶער.

**די בילדער איז גענומען פון די ביכלעך**

**"עזר לילד" "חינוך הילדים פון ר' שלמה קנעפלער"**

**© כל הזכויות שמורות**

**ת"ת יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר**

רח' יונה 20 - עיה"ק ירושלים ת"ו - 02-5810967